STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10961

BRENENDIKE BRIKN

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ליטעראַרישער
פאַרלאַג

צווייטע פאַרגרעסערטע אויפלאַגע

די ערשטע אויפלאַגע פון דער אַנטאָלאָגיע איז ערשינען אין קיעוו אונטערן נאָמען „אין פייערדיקן דויער״. די נעמען פון די ערשטע דריי ציקלען זיינען פון דוד האָפשטיינס לידער. הילע, צייכענונגען און אויפשריפטן פון א. מינטשין

ברענענדיקע בריקן

אַנטאָלאָגיע פון רעוואָלוציאָנערער ליריק
אין דער נייער יידישער דיכטונג פון אוקראַינע

געזאַמלט און צונויפגעשטעלט
מיט אַ פאָרוואָרט פון
ע׳ קאָרמאַן

יידישער ליטעראַרישער פאַרלאַג · בערלין

-37435-

Lms
111

BERLIN 1923

JÜDISCHER LITERARISCHER VERLAG · G. M. B. H.
JEWISH LITERATURE PUBLISHING Co. LTD.

BUCHDRUCKEREI LUTZE & VOGT · G. M. B. H. · BERLIN SW 48

צו דער ערשטער אױפלאַגע

אויף דער גרעניץ פון דער אַלטער און נייער יידישער דיכטונג שטייט די שאַפונג פון דוד אײנהאָרן.

די יידישע דיכטונג ביז אײנהאָרנען איז געווען אָדער רעאַליסטיש־באַשרייבעריש אין איר בעסטן זינען, אָדער ראָמאַנטיש־פאַרנעפּלט אין איר העכסטן פּרט. און אין ביידע פאַלן, פאַרשטייט זיך, שטאַרק גע־קניפּט און געבונדן מיטן אַלטן יידישלעך־אַלטפרענקישן קליינשטעטל־שטייגער.

אָבער דאָס אָפּלעבנדיקע און אָפּגעלעבטע שטעטל האָט וואָס ווייטער אַלץ ווינציקער שוין געקאָנט דינען אַלס מאַטעריאַל פאַר דער דיכטונגס־קונסט. אָפּגרעניצן זיך פון דער אַרומיקער ניי־אויפגעקומענער וועלט איז שוין קיינער ניט געווען ביכולת – האָט דעריבער די יידישע דיכטונג פון ביז אײנהאָרנען און פון זיין צייט אויף איין אָרט זיך גע־שטויסן און נישט געקאָנט אַרויס פון דעם פאַרכשופטן קרייז, וואָס זי האָט אַרום זיך געשאַפן.

אויפלעבן דאָס אַלטע האָט זיך אויך אײנהאָרנען נישט איינגעגעבן, ווייל – ס'איז שוין לאַנג געווען

„געשטאָרבן דער אַלטער בעל־תפלה...“

און נישט אײנהאָרנען מיט זיין שוואַכער פרויען־לירע איז באַשערט געווען צו ווערן דער נייער מינעזינגער פונם יידיש־רעליגיעזן חתן־תורה־ליד, ווי נישט אים, דעם מעלאַנכאָליש־פאַרבענקטן און זיפצעדיק־שטילן איז געגעבן געוואָרן צו אַרויסוואַרפן די פלאַטערנדע פאָן פון אַ נעאָראָמאַנטיזם אַרום דעם אַלטן גלויבן פון אַ גרייזן וועלט־פאָלק...

און דער בית-המדרשדיק-באגייסטערטער און לירישפאר־דבקהטער דיכטער איז געבליבן איינזאם און אפגעזונדערט אויף דער ווייספע פון ארומיקן לעבן.

ווארים די דיכטונג, וואס האט זיך, ווי דאס לעבן, אויסגעשעפט און אויסגעזוונגען, האט זיך גענויטיקט ניט אין קיין ראמאנטישע חלש־טראפן, נאר פארקערט,—אין אן אמתער אויסטרייסלונג, אין אזא שטורם־קראפט, וואס זאל קאנען, צערייסנדיק דאס שפינוועבס פונם אלט־איינגעזעסענעם און איינגאנצן מיט פליגן פארזעסענעם עבר, ארויסרופן די באוועגונג, נאך וועלכער ס'וואלט איינציק מעגלעך געווען די אמתע דערהויבונג פון דער דיכטונג.

די יידישע דיכטונג האט זיך גענויטיקט אין א רעוואלוציע — הן פון אינהאלט, הן פון פארם.

*

אינם היכל פֿון דער ייִדישער פּאָעזי האָט שוין לאַנג געשמעקט מיט אָפּקומעניש, מיט טויטן גייסט און פֿאַרגליווערטקייט. אויסגעוועפּט און אָן פֿייער האָבן זיך געריווכערט די אַלטע טליענדיקע מזבחות און אַרום זיי האָט מוטלאָז געבלאָנזעט אַ מנין אָפּגעדינטע און אָפּגעדאַוונטע כהנים —

ס'האָט זיך געפֿילט — גאָרניט איז שוין ניט אין שטאַנד צו באַ־שענען דעם פּאַרמעט־פּנים פֿון דער פֿאַרבאַלזאַמירטער מומיע, איבעריק זיינען נייע שלייערן אויף דעם אָפּגעבליאַקעוועט און אָפּגעצערטן געזיכט. . .

און דאָ זיינען אָנגעקומען די גרויסע שטורים־טעג אויף דער גאַ־רער וועלט, ווען עס זיינען אומברחמנותדיק געבראָכן און צעטראָטן געוואָרן די אַלטע לוחות און געבאָטן פֿון דער גרייזער מענטשהייט — אָנגעקומען זיינען די גרויזאַמסטע טעג פֿון צעטרייסלונג און אויפֿראָ־טונג פֿון אַלע יסודות, וואָס האָבן, דאַכט זיך, געשיינט צו זיין נאָך אַזוי שטאַרק און מעכטיק —

און —

וואָס פֿאַר אַ וואָרט האָט געקאָנט דאָ האָבן די ייִדישע פּאָעזי, אַלץ נאָך איינגעוויקלט אינם אַלטן טלית פֿון קליינשטעטלדיקן הימל־קאָליר, בעת דעם גרעסטן וועלט־קאַטאַקליזם, וואָס די ערד האָט ווען געזען ?

טויט־שווייגעניש האָט געמוזט הערשן אין די אַלטע „אהלי יעקב"...

און דאָס וואָרט —

פֿאַר די נייע און יונגע!

*

*

„אַ שפּאַן טון מיט נייעם, מיט ברייטן
מיט אייגענעם נאָך ניט געגאַנגענעם גאַנג!“

[ד. האָפשטיין]

אָט דאָס האָט געמוזט ווערן דער נייער קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו פון דער יידישער דיכטונג.

ווייל, ווען אין דראַנג פון דער וועלט־קאַטאַסטראָפע, איז צעטרייסלט געוואָרן דער גאַנצער וועלט באָדן און וועלט־בנין, האָבן זיך שוין מער נישט געקאָנט האַלטן די יידישע חורבות, און דערפאַר איז נייטיק געוואָרן דער „ברייטער שפּאַן“, דער גוואַלדיקער ריס און נישט פאַר־אָסטענער שפּרונג אין אונזער אייגענער ווירקלעכקייט, כדי נישט צו פאַרשאָטן און באַגראָבן צו ווערן אינגאַנצן אונטער די פאַלנדיקע ציגל פון די אונטערגעשאָסענע ווענט —

און ס'אַרא מהלך דעריבער פון אונזער אַלטער פּרימיטיוו־סאָציאַלער פּאָעזי פון אַ רייזען, למשל, וואָס האָט אַזוי שוואַך באַדויערט די סאָציאַלע אומגערעכטיקייט און אַזוי אָרים געדיכטעט וועגן

„אַ געזינד זאַלבעאַכט
און בעטען נאָר צוויי“

ביז האָפשטיינס „פּראָצעסיע“, וואָס קלינגט אַזוי שטאַרק און אומגעהײַער־דערהויבן פאַר אונדזער „זיין“,—

„מיר גייען אין דיינע פאַרנטיקע רייען,
שפּאַנענדיקע מענטשהייט,
מיט שטאָלצע, דרייסטע, זודיקע און קאַלטע —
טראָט נאָך טראָט!“

צי ביז מאַרקישעס געוואַגטן און גרויסן

„ווי ניינצן בלינדע מאַגדאַלינעס

פאַרגעבונג בעטן ניינצן דורות"

א בילד, אויף וואָס אונדזער אַלטע פּרימיטיוו־אַנטוויקלטע פּאָעזיע איז נישט פייאיק געווען מיט אַלע אירע ניינצן מאָל ניינצן בענד פון געראַמטער פּראָזע.

קיינמאָל נאָך איז אין דער יידישער דיכטונג ניט אַזוי שטאַרק געווען דער ס אָ צ י אַ ל ע ר פּאַטאָס, דאָס ק אָ ס מ י ש ע געפיל פאַר „וועלט און זיין", ווי אין דער נייער תקופה, און קיינמאָל האָט זי נאָך נישט דערגרייכט צו אַזאַ הייך פון אמת־פּאָעטישער בילדערישקייט און אויסדריקלעכקייט, ווי מיט דער שאַפונג פון די נייע יידישע דיכטער פון אוקראַינע, וואָס ברידערן זיך מיט אונדזער גאַנצער נייער דיכטונג אומעטום אין אַלע וועלט־עקן, וואו עס שלאָגט נאָר דער לעבעדיקער דופק פון אונדזער נייער שאַפונג.

אָט דאָס סאָציאַלע און קאָסמישע אין אונדזער דיכטונג איז געוואָרן יענער דראַנג, וואָס פירט זי אַרויס אויף ברייטע שליאַכן און וועט זי ברענגען צו די א ו נ י ו ו ע ר ס אַ ל ע הייכן, וואָס פאַראייניקן אַלע דיכטער פון גאָר דער וועלט און מענטשהייט.

*

די נייע יידישע דיכטונג פֿון אוקראַינע האָט אונטערגעצונדן אַלע בריקן וואָס פֿירן צו דער אַלטער וועלט. איינגעשפּאַנט אינם גרויסן רייטוואָגן פֿון דער נייער צייט, האָט זי זיך אָפּגעזאָגט פֿון אַלע אַלטע רגילותן און געוווינהייטן אין דער פֿערזן-פֿאָרם און אינגאַנצן באַפֿרייט זיך פֿון דער ירושה פֿון דער גראַדליניקער און פֿירשורותדיק-באַרגראַמטער פּאָעזי. פֿאַר איר האָט זיך געעפֿנט אַ נייע וועלט פֿון מעגלעכקייטן און דערגרייכונגען אינם דיכטונגס-געביט, ווי ס'האָט זיך פֿאַר איר גייסטיקן בליק אַנטפּלעקט די גאַנצע וועלט, וואָס קומט אום און ווערט ווידערגעבוירן אין גרויסע ליידן פֿון „צוואַנציקסטן פֿייערגעשמידטן יאָרהונדערט" [האָפֿשטיין].

אויף דער יידישער דיכטונג אָבער פֿון אוקראַינע איז אויסגעפֿאַלן דער גורל געבוירן צו ווערן אין „פֿייערדיקן דור" און אויף יענע „פֿעלדער-בריימן", וואָס זיינען אויפֿגערודערט און אויפֿגעריסן געוואָרן ניט מיט איין שטורעם פֿונם צעווילדעוועטן ים פֿון וועלטישער מענטשן-כוואַליע. בעת מלחמה און רעוואָלוציע, בירגערקריג און פּאָגראָמען האָט די נייע יידישע דיכטונג פֿון אוקראַינע איר וואָרט געשמידט, און פֿונם צושטאַנד פֿון דער אויפֿגערעגטער און אויפֿגעטרייסלטער ביזן גרונט נשמה, וואו ס'האָבן זיך כאַאָטיש צונויפֿגעמישט און איבערגעפֿלאָכטן אין איין גרויזאַמען קנויל ווי און מוט, פֿאַרצווייפֿלונג און האָפֿענונג, געפֿאַלנקייט און דערהויבונג, זיינען אויסגעוואַקסן די מאָטיוון, וואָס ביימן איצט אין גרונד דעם כאַראַקטער פֿון אונדזער גאַנצער דיכטונג.

האָפּשטיין, מאַרקיש, קוויטקאָ און שוואַרצמאַן — זיי זיינען דער אָנהויב פון דער זעלבשטענדיקער יידישער דיכטונג פון אוקראַינע, וואָס שטרעבט צו פאַרנעמען אַ בכבודיקן אָרט אויף דעם אויבנאָן פון אונדזער גאַנצער דיכטונג. פאַרשיידענע לויט זייער גרויס און טעמפּעראַמענט, האָבן זיי אַריינגעגאָסן נייעם מוט און אימפּעט, פרישן זאַפט און לוסט אין די „עצמות היבשות" פון דעם פאַראורטיילטן גוף. געקומען פון דער טיף פון פאָלק, לעבן זיי מיט זיין סטיכיע פון נאָך ניט־אויסגעשעפּטע מעגלעכקייטן און וואוקס. מיט זייער שאַפונג איז אויך באַרייכערט געוואָרן דאָס יידישע דיכטערישע וואָרט, וואָס איז ביז זיי נאָך קיינמאָל נישט געקומען צו אַזאַ אויסדרוק פון בולטקייט און שאַרפקייט אין בילד, ניואַנסן, וואָרט־און־קלאַנגען־שפּיל. אין דער צייט, ווען יעדער פון זיי פאַרמאָגט זיין אייגענעם כאַראַקטער, ריטם, שפּראַך און קאָלאָריט, איז קיינער פון זיי נאָך ניט קיין פאַרענדיקטע גרויס, נאָר, ווי בוימער, וואָס ציען זיך אין דער הויך, האַלטן זיי ערשט ביים רעכטן אָנהויב, צעשפּרייטנדיק קרעפטיקע צווייגן. אַרום זיי איז שוין אויסגעוואַקסן אַ גרופּע יינגערע דיכטער, וואָס טראָגן אויך זייערע גאָבן, טריי די געבאָטן פון דער נייער יידישער דיכטונג.

אָבער אַלע, געלייטערט און געריייניקט אין דער טבילה פון שטורים און בלוט, שפּאַנען — Per Aspera ad Astra — איבער ברענענדיקע בריקן פון הווה צו דער צוקונפט פון אַלמענטש און אוניווערזום.

קיעוו 1921 ע. קאָרמאַן

צו דער צווייטער אויפלאַגע

נישט אין געוויינלעכן פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעכן זינען, נאָר אינם העכערן מאָציאַלן באַטייט פון דעם דאָזיקן באַגריף, אין דעם אוני-ווערסאַל-קאָסמישן כאַראַקטער און אין אַ גרויסער מאָס אינם נייעם קינסטלערישן אופן איז דער אויפטו פון דער יונגער ייִדישער דיכטונג פון אוקראַינע. זי איז רעוואָלוציאָנער אין תוך, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס, געבוירן אין אַ גרויסער רעוואָלוציאָנס תקופה, האָט זי נישט באַשאַפן קיין מוסטערן פון מונטערע און קאַמפּלוסטיגע לידער. מונטערקייט און קאַמפלוסטיקייט דאַרף מען זוכן נישט אין איר יעדער שורה אָדער ליד, נאָר אין איר גאַנצן כאַראַקטער און וועזן, וואָס האָבן „צעשטערט די גאַנצקייט און פרישקייט פון דער פאַררעוואָלוציאָ-נערער ייִדישער דיכטונג“ *). די אידיש‌ע גאַנצקייט און „פריש-קייט“, פון וועלכער ס'האָט שוין געטראָגן מיט דער לופט און ריחות פון בית-הקברות-פעלד.

— און בענקשאַפט און טרויער?

— און געדאַנקען וועגן טויט?

— ווי פּאַסט עס זיך אַריין אין רעוואָלוציאָנערער ליריק?

פּונקט אַזוי, ווי ס'פּאַסן זיך אַריין פּאָגראָמען אין אַ רעוואָלוציאָנס תקופה; פּונקט אַזוי, ווי דער טויט רייסט זיך אַריין אין פולן בלוי פונם מענטשלעכן לעבן.

— אַ סתירה?

געוויס!

---

*) ש. ניגער — „דער טאָג“ № 3003, 18 פעברואַר 1923, ניו-יאָרק.

אָבער אויפריכטיק און וואָר איז דאָס געפיל פון דיכטער, וואָס איז אין אַזאַ צייט, ווי די רוסלענדערשע רעוואָלוציע, נישט פאַרבייגעגאַנגען אירע סתירות און האָט געטריי איבערגעגעבן זיין נשמה-צעריסנקייט, ווען

„ס׳איז הייס דאָס האַרץ, עס טרייבט נאָך בלוט,
עס גליט פון וויי, עס בליט פון מוט,
און וויי און מוט איצט קאָן איך ניט צעטיילן!״ [די האָפשטיין]

אָבער, באַהערשט פון וויי און אונטערן דרוק פון ליידן, האָט דער יידישער דיכטער פון אוקראַינע באַוויזן צו דערהויבן זיך אויך צו אַזאַ מוט, וואָס איז דורות פרעמד געווען —

„כ׳וועל נישט אויפהענגען מיין האַרפע אויף בוימער —
פאַר אלע ווינטן איר שפיל״... [א· קושניראָוו]

ווייל דער נייער מענטש און דיכטער איז באַרוויכערט געוואָרן מיטן באַוואוסטזיין, אַז ער

„פאַרמאָגט שוין אַפילו אין טרוים ניט
קיין לאַנד פון האָניק און מילך.״ [א. קושניראָוו]

אין דעם דאָזיקן באַוואוסטזיין, וואָס טיילט אָפּ די נייע יידישע דיכטער פון די אַלטע, ליגט, אגב, אויסער אינדיווידועל-פּסיכאָלאָגישעם, אויך רעוואָלוציאָנערישעם און פּאָליטיש-געזעלשאַפטליכן זינען.

בערלין 1923

ע. ק.

אַנטאָלאָגיע

אין

דוד האָפשטיין / פּראָצעסיע

*

מיר גייען אין דיינע פאָרנטיקע רייען,

שפּאַנענדיקע מענטשהייט,

מיט שטאָלצע, דרייסטע, זודיקע און קאַלטע —

טראָט נאָך טראָט!

אויף שאַנדן־שטאַנגען וואַקלט זיך און וואַקלט

דער אַלטער גאָט.

מיט לופט געלאַטעט, פלאַטערט אַלץ און פלטאַערט

— די אַלטע רויטע פאָן

צוריק קיין טראָט!

און שטעקלעך װעקנדיקע שיטן שרויט אויף שטייפן פּייקל,

און טאַצן דזשימזשען — שלייפן שאַרפס אין שוועבנדיקער לופט,

און הויך פאַרוואַרפט זיין רוף

דער שיינענדער טרומייט...

הײנט בין איך אויך אַ שטיקל קלינגענדיקער קופער! —

איך היפּער
שטילע סאַמעטענע ערטער,
איך וועק די מידע,
כ'באַדעק דעם זיפּץ פון אָפּגעשוואַכטע
מיט הילביקן געלעבטער —
צוריק קיין טראַט!

*

דוד האָפשטיין / מיר שטאַמען פון פּעלזן

*

מיר שטאַמען פון פּעלזן!
פון פּעלזן, צעמאָלטע אויף מילשטיין פון צייטן...
מיר שטאַמען פון פּעלזן,
וואָס האָבן דעם גורל פאַרבונדן
מיט ימען,
מיט ווינטן,
מיט ווייטן...
מיר שטאַמען פון פּעלזן,
וואָס האָבן צעבראָכן
דעם יאָך פונם גליווערנעם שטייען —
מיר גייען —
און וועלדער נאָר ווינטע
אונז קאָנען פאַרהאַלטן...
מיר זיינען די ערשטע

אין פֿאַלדן פֿון ווינטן,
מיט ווײַבערס געבונדן,
מיט כוואַליעס געשוועסטערט,
געברודערט מיט שטורים —
קיין מזרח, קיין מערב, קיין צפֿון, קיין דרום!

*

דוד האָפשטיין / דערזע איך אויף ווייטע מדבריות

*

דערזע איך אויף ווייטע מדבריות
צעגליטע סאַמומען —
דערזע איך אויך באַלד קאַראַוואַנען,
וואָס גייען און קומען —
וואוהין און פון וואַנען ?
אין תהומישן קראַכן,
אין שפּיי פון וואולקאַנען
דערהער איך די שטילקייט פון מענטשלעכן וויינען,
אין שפּיל פון פריהיאָריגע שטראַלן
אויף אַלטע פאַרראָסטעטע שטיינער
דערהער איך דעם ריינעם געפּילדער
פון קינדער,
פון קינדער, וואָס קאָנען אין אויגנבליק איינעם
אי לאַכן אי וויינען...
איך האָב מיין באַוואוסטזיין אויף וועלט אויפגעהאַנגען —
אַ חופּה אָן עק און אָן שטאַנגען —
נאָר כ'קאָן זיך קיין רגע ניט שיידן
פון ערדישע בייטן !..
איך הויב מיינע אויגן

צו שטויבן פון שטערן,
נאָר קלאַנגען פון ספערן
ניט קאָנען פאַרטויבן
דעם יובל פון מענטשלעכע פרייִדן,
די קלאָגן פון מענטשלעכע לייִדן...

*

דוד האָפּשטיין / דורך שוימענדיקע רוקנס

*

דורך שוימענדיקע רוקנס
פון כוואַליעס דיינע,
ברויזנדיקע מענטשן־וועלט
דיין יעדן שטויס דערפיל איך!
מיט טיף פון הארץ פאַרבלענדטן
מיט צוגעמאַכטן בליק,
צו הימל וויט געווענדטן,
דורך אָטעם־הויך
פון אייַלנדיקע מענגען,
דורך וואָלקן־רויך
אַ ציַ טון זיך אין שטאָלצן גליענדיקן בענקען
צו קאַלטער האַרמאָני פון וועלטן־ספערן —
קיין גרעסער גליק
קאָן קיינעם דאָ געהערן!...

*

דוד האָפּשטיין / צווישן וואָלגערשטיינער

*

ל. קוויטקאָן

אויף ערדן אויפגערירטע צווישן וואָלגערשטיינער,
אין בייזע אָנפאַליען פון שניידיקן געדימער,
וואָס בין איך, וואָס באַטייט איך, איינער,
וואָס טראָגט זיין לעבנסליכט מיט שטילן ציטער ?

דער ים ערוואַכט אין זודיקן געראַודער,
עס שטייגן שטראָמען פון די אויפגערעגטע טיפן.
וואָס איז ער איצט מיין אויסדערוויילטער רודער,
דער העכסטער זעגלבוים אויף מיינע שיפן ?

כ'בין גרייט, אין יעדער רגע גרייט פאַרטרויען
די ציטעריקע לעבנס־פלאַמען
דעם האַר פון חורבן און פון בויען,
דעם האַר פון ערדן און פון ימען...

*

דוד האָפּשטיין / אַ שפּאַן טון מיט נייעם

*

אַ שפּאַן טון מיט נייעם, מיט ברייטן
מיט אייגענעם נאָך ניט געגאַנגענעם גאַנג.
ווער זאָגט עס: ס'איז פרי נאָך, איך דאַרף זיך נאָך גרייטן —
פון ירדן ביז וואָלגאַ איז פאָלג מיך אַ גאַנג!

געמאָסטן מיט טריט מיט באַשווערטע
די ערדישע דאָרניקע פלאַכן,
מיט זיילן פון פייער, מיט וועקסענע ליכטלעך —
און גרייטע צו זוכן און גרייטע צו וואַכן...

איך זע זיי, די בלוטן, ביז בבל,
איך זע זיי די דאָרשטיקע בויערס די צווייטע,
מיט טרייסטלאָזע קריצן אויף האַרציקן טאָוול,
מיט שניט פון אומזיסטיקן ווייטאָק.

און ווייטער,
און ווייטער!...
נאָר ווער וועט דערציילן?
און ווער וועט עס הערן,

ווען ס'פלאַקערט דער שײַטער!
און װײַטער?

פֿאַר פֿײַער — ערד!
אַ שטויב פֿאַר שווערד,
און ערשטע אָפּערשאַף אויף יעדן שײַטער!

מיט שטויביקײַט
באַזיגט די גרעסטע ווינטן פֿון דער וועלט,
מיט פֿונקען — רגעס־פֿלאַם,
ווי זײַלן, דורכגעשטראַלט אין אייביקייט!

אהרן קושניראָוו / ווענט

מיר,

הויכע, האַרטע, פֿעסטע ווענט,

פֿאַראורטיילטע: הערן און שטומען...

טויזנטער,

טויזנטער יאָרן מיר זיינען געהאָרכזאַם געווען:

ג״הערט און באַנומען!...

און, שווייגנדיק,

אין זיך דעם מורמל פֿון דורות געשטיקט...

נאָר מער,

מער וועלן מיר שוין נים שווייגן...

מיר הערן:

אַ שטייגן,

אַ גרייפֿן,

אַן אָפּקלאַנג

פֿון שווערע, פֿון שטייפֿע, פֿון אייזערנע טריט...

ס׳גייט אַ גרויסער, אַ מעכטיקער!

אלץ, וואָס ערשט נעכטן
געהערשט האָט, ווי פעלז,
ווי גראַניט,
פאַלט פאַר אים, קניט
מיט ציטער און גרויל...
— גיט אונדז אַ מויל!
באַקלעפּט און באַהענגט אונדז
מיט מענגעס אַפישן, פּלאַקאַטן און בלעטער...
מיט זיי,
ווי מיט ריזיקע גאָרגלען,
וועלן מיר שרייען:
— מיר הערן —
פעסטע, שווערע, זיגערישע טריט!...

❁

אהרן קושניראָוו / עקראַן

*

הערט אוים !
דאָס רעד מיט אייך איך — עקראַן !
טאַשמעס פון סאַמעט און ראַמען געגילדטע
האָבן לאַנג מיך געהאַלטן געפאַנגען.
באַצירטע מחיצות — ווענט און צאַמען
האָבן אונדז שטענדיק געזונדערט,
און רוף מיינעם העלן
האָט מען פאַרביטן מיט קרומע געשרייען פון שילדן...
היינט
האָב איך צו ווענט זיך געווענדעט:
— צעגייט זיך !
אוים דעבער, אוים דילן !
באַפרייט מיר די רוימען...
אַהער...
אַלע קעפ, וואָס צוזאַמען דאָ שאַפן די ימען פון קעפ,
פאַר אייך בין אַנטשטאַנען,

פֿאַר איידער בין געבוירן...
בּרייטער די סטופּעס אויף מיטן פֿון פֿלעצער!
איבער שלונגען פֿון שלענגישע גאַסן שטעלט אויף
מיין באַלעמער...
מיין זוים וועט זיין — הימל!
מיין רוים —
דער פֿילטוויזנטער בליק פֿון המון!

*

פרץ מאַרקיש / אויף וועלן אויף ווילדע

*

אויף וועלן אויף ווילדע אין וויסטער אין וויים דאָרט,
— מיר שווימען אויף שליופּקעס פון שיפן געשליידערט !..

פון מזרח צו מערב, צו דרום פון צפון,
פון אונטערגעגאַנגענע שיפן צעהאָרפן !...

און וויגן די דולע זיך קערווען וואוהין זאָלן ?
די וויטן — זיי ריזלען... אָ, אינזלען, אָ, אינזלען !

ניט זען איז קיין בוימער, און וואָס זיינען ברעגן ?...
אָ, שבורע, נאַקעט-צעאַקערטע וועגן !...

פרימאָרגן, שוין האַלבטאָג. ער גייט ווי א לאָמפּ אויס,
און ס'דרייט זיך די זון, — אונזער שבורער קאָמפּאַס !...

אָ, האַקט ניט די הענט מיר, א חלום איך בלענד נאָר,
נ'מיר חלומען אַלע זיך טרוימענדע לענדער !...

אויף וועלן אויף ווילדע אין וויסטער אין וויים דאָרט,
— מיר שווימען אויף שליופּקעס פון שיפן געשליידערט !...

*

פּ ר ץ מ אַ ר ק י ש / ג ל ע ק ע ר

*

— גלעקער ! האַלבנאַכט ! דרייצן, פערצן !
קלעזמער, חיינערקעס — אַהערצו !
צונגען, גאָרגלען שטאַרקער דרייט אָן,
— אייך אַ נדר ? איידער ? — פריידי אייך !
לאָמיר גיכער גיין באַגלייטן !
אָ, וואו זיינט איר, זאַמט איר, געסט ?
וואַרט, נים וואַרט זיך אויס דער מת...

העי, באַגרעבערס, בינדט אַ מטה,
לוב און שטריק און שטעקנס — גריבער !
— מיר צערייסן, דאָ היינט שמיפּה,
אויף די גולה־ציינער שרייט:
— צייט !

— צום בייזהאונדער !

— צום בייזהאונדער !
הוילע פיס און אלטע שקראבעס
און גולניש-קליינע אויגלעך...

שושקען זיך מיט זקנים באבעס,
און מיט באבעס קליינע קינדער,
נ'מיטן גנב — דעם באגרעבער —
דינגען, דינגען זיך דארט בלינדע,
— רירט זיך, העי, ארימעלייט !

העי, פארשלעפערט ניט די הענט,
שלעפט די אונטערשטענע פיס !
בעטלערס, קרעציקע און קראנקע,
מיידלעך, אנגעבראקט אויף ראגן,
ז'ט נאר איינגיין
און דערטראגן
די באגרעבערשע נביאות !...

רירט זיך, טרעגער,
גיבער, עולם,
ליידיק בלאזט דארט אוים די שטוב !...
אויפן מארקישן בית-עולם
הארט פון לאנג שוין א געלעגער,

חאַרט שוין לאַנג אויף איך אַ גרוב !...

גלעקער ! האַלבנאַכט ! — דרייצן, פערצן !
מיט אַ שטיין אין האַרץ — אַהערצו !
צום געהאַנגענעם מעת=לעת,
— אַ בזיון פאַרן מת !...

לייב קוויטקאָ / דיטלעך פֿון „איסיים"

I

רעגנבויגנדיקע,

אויף רעגנבויגנדיקער וועלט,

זייט צום יומטוב גרייט ! —

יונגע, יונגע,

אוראַלט אומגעקערט צו אונדז

מיט באַוואַקסן ווילדן פּנים,

קוקט מיט חידוש,

קוקט מיט קנאה,

העלע צוקונפט-אויסגעשטרעקט, אַ וויע אויפגעעפנט,

מורמלט שטראַליק: —

— „אַ מזל פֿון אַ דור !...

— „אַ מזל פֿון דור !...

II

— נייער העל —

פּילגעשטאַלטיק,

פּילפּנימדיק,

פּילזוניק,

קומט פאר אונדז אריין
אין ריעגנבויגנדיקער העלט —
מיט שטראַלנדיקע איבערפליסן...

— נייער העל —
פאַטעלעבן שטייט אויף,
פאַטעלעך קומט אנטקעגן
די צוגעשמידטע מענטשן־וועלט,
שטייבלט,
בליצט מיט שטילפרייד —
ווערט באַהעלט —
פון לעצטן אוראַלט־שטיין
ביז לעצטן שטאָפּל
בלויען ציענדיקן „זיין"...

— נייער העל —
די פייקלעך־טענץ,
טרומייטן־פרייד:
וויגן, הייען, הינטלען,
שטראָמען, שטראָמען, קאָלירן
אויף גאָרן פליסנדיקן פערלמוטער.

— נייער העל —
ביינאַכט, יוםטובן לבנהש
זילבערצאַפלדיק,

פֿאַרגעסענע בית־עלמינס

פֿון גאָרער װעלט...

— נײער העל —

ציט אײך אױס

מיט װאונדערזעענדיקע אױגן —

שנירט אַרום,

דרײט אַרום

קאָלירנדיק,

אַרום קאָלירנדיקער ערד,

טױ־שמײכלענדיק,

טױ־זינגענדיק: —

„בליען אינם װײנגאָרטן,

„בײ די זײטן־העלענישן,

„זעענדיקע, פֿרײענדיקע,

„האָפֿנדיקע, גײענדיקע

„ראָד אַרום דעם װײנגאָרטן —

„העל, העל, העל!

*

לייב קוויטקאָ / אין דער הייליקער מסיבה

*

אין דער הייליקער מסיבה,
אין אַ רויטער שכינה־ראָד,
זיצן מיר אַ קרייז גאונים
אויסדערוויילטע לייט.
רופֿט זיך איינער אָן: —
— „ס'שפּרינגען שוואַרצע הינט־געשלעגן
רינגס אום אונדזער שכינה־ראָד"...
צווייטער: —
— „ס'שטורמען זיגן און מפּלות"...
דריטער: —
— „ס'בלוטן שטערן און מזלות
און פֿאַרבלוטן און פֿאַרפֿלעקן
גאָר די אייביקייט אַליין"...
און דער פֿערטער, מיך־פֿאַרמיטער,
זוכט מיט אויגן־שוואַרץ־באַלעבטע,
זוכט, און שפּירט, און דרינגט און בליצלט
אויף די פּנימער ביי אַלע...

כאפּט זיך אויף דער גרויסער גאון,
שטעכט אין ווּיסטעניש איין זיין שאַרפֿן בליק !
— „ס'חשכות ברענט !
קומט,
די מסורה הייכט !...
קומט מיט מיר אין ווּיסטעניש,
קומט גרונטצופֿעסטיקן די רויטע שכינה" !...

*

משה קולבאק / חצות

*

עס האָבן די גלעקער געקלונגען!

און בראָנזענע יונגען
באַפאַלן איז דעמאָלט אַ ווילן
צו שטילן
דעם צאָרן
פון יאָרן,
וואָס זיינען פאַרלאָרן...

און ס'האָבן די גלעקער געקלונגען!..

העי, לאָמיר גיין! לאָמיר גיין!
לאָמיר דאָ איבערלאָזן די שוואַכע...

די טירן פון וויט זיינען ברייט, זיינען פריי,
אונדזער וועג איז באַהויכט מיט אַ מוי און איז ניי,
לאָמיר צייכנען די טריט — יעדן טראָט מיט אַ שטיין —
לאָמיר גיין! לאָמיר גיין!
לאָמיר דאָ איבערלאָזן די שוואַכע.

לאָמיר עפענען די טרויערן און שמידן די וואָר,
לאָמיר זוכן דאָס ליכטיקע ליד פאַרן דור,
אפשר היט שוין אַן איינזאַמער זינגער זיין בעט,
אפשר וועבן זיך קלאַנגען פון נייעם געבעט,
אפשר הויבן זיך האַמערס סיי דאָ און סיי דאָרט,
און עס גליט און מע שמידט דאָס באַפליגלטע וואָרט,
לאָמיר קינדער פון שטראָם
און פון נאַכט און פון תהום...

לאָמיר גיין! לאָמיר גיין!
לאָמיר דאָ איבערלאָזן די שוואַכע...

ווען ס'לעשט זיך דער אָפּקלאַנג פון אָדלערס געשריי,
לאָמיר, טרעטנדיק ווייטער, אַ ריי נאָך אַ ריי,
טרינקען מוט פון די בערג, זינגען ס'ליד פון דער נאַכט,
און מיט מוט און מיט וואָוט לאָמיר זוכן די שלאַכט,
לאָמיר דאָ איבערלאָזן די שוואַכע...

און ס'האָבן די גלעקער געקלונגען...

פון טיפנאַכט געדרונגען,
זיי גייען, זיי גייען,
אין פינצטערע רינגען,
אין אומקלאָרע רייען,
צוזאַמען,
צוזאַמענגעדרייט

האָט זיך ס'פאָלק מיטן הייליגן טויט

און ווי צונגען
אין פלאַמען
פאַרלאָרן —
אַן אייגנס געוואָרן — — —
זיך פלוצים צעפלאַטערט אין רויט=ברייטע פענער,
זיך פלאַמיק צעשמעטערט,
אַלץ העלישער=העליש צעבלעטערט,
אַלץ שטראַליקער, בלוטנדיק=שענער...

און ס'האָבן די גלעקער געקלונגען...

העי! נעמט מיך מיט!
זאָל אין פינצטערן גאַנג אויך מיין לויטער געמיט
שווייגן שטום, ציילן פינצטערע, טריט
ביי דעם תהומיק געזאַנג...
ס'האָט מיין קיזלשטיין=שטאָם
פון די קוואַלן מיט סם
שוין געטרונקען פון לאַנג — — —
איך גיי מיט מיט מיין העל=נייסטן ליד,
פון מיר הערט זיך די נאַכט,
נאָר מיר לייכט שוין די זון אין געמיט — — —

און ס'האָבן די גלעקער געקלונגען...

*

משה בראָדערזאָן / ס'האָט מיט דונערן

*

ס'האָט מיט דונערן אַ שלאָג געטאָן אין העכסטן טורים,
האָט עס אויפֿגעטרייסלט אים — דעם העכסטן שפּיץ!
אוי, די שטורים, וואונדערבאַרער קלאַנג פֿון די יסורים!
אוי, די וואונד־אַנטפּלעקטער, אומגעריכטער בליק!

האָט מיט דונערן אַ שלאָג געטאָן אין אַלע גלעקער,
אומגעצוימט פֿון דער כינעזישער פֿאַרשטאַרטער וואַנט!
האַקט דעם אורוואַלד־עונש אַ צעווילדעוועטער העקער,
צינדט דעם אורוואַלד אונטער — ברענט אַ בראַנד!

און עס ברעקלט זיך די וואַנט פֿון בראַנד־געפֿליגל,
שלאָס און ריגל ווערט צעגאַנגען אינם פֿלאַם,
און עס פֿאַלט אַרויס אַ ציגל נאָך אַ ציגל,
און עס ליימערט זיך אין פֿייער יעדער שטאַם!

און אין אומגעהייער פֿון די הייטע סטעפּעס
הויערט עפּעס אינם פּורפּור־בלוט און פּיין!
ס'וואַקסן טרעפּ. און אויף די פֿייער־טרעפּ איז
אויסגעגאָסן אַ לייטזעליקער מאַרטירערישער שיין...

*

משה בראָדערזאָן / בראַנד און פייער

*

בראַנד און פייער, גלי דעם שווערד!
ס׳הייליקט זיך אין קאַמף די ערד,
יונג דער מענטש — א נייער ווערט!

רייטער, אויפן פערד! אין וועג!
ס׳קומען אָן די נייע טעג!
אַלטע — גייט אַוועק!

שרעק און צאָרן! בלוט און מוט!
ווער עס קעמפט, איז יענעם גוט!
נעם אַראָפּ דעם הוט!

פאַר מאַרטירער, פאַר דעם טויט,
זע א נייער הימל גייט!
פלאַמט אין פורפור־רויט!

דער מזבח פון דער וועלט
פלאַקערט אויף און טרייבט די קעלט!
אַלע הערצער — העלט!

שעלטן שעלט נאָך אַלץ די קראָ,
וואָס נבלה איז נימאָ!
זי פֿאַרשווּעכּט די שעה!

העי, טרומייטן, העכּער שאַלט!
וואָלקנס שמעטערט! וואָלקנס שפּאַלט!
ברעכּט די חורבות אַלט!

און באַהאַלט דיין טרויער איצט,
ווען דער פֿיינט מיט ציינער קריצט!
ווען עס דונערט, בליצט!

— זיצט אין מקדש אויף אַ טראָן
זיצט אַ געץ, פֿון אים הויב אָן!
העכּער הויב די פֿאָן!

רייטער, אויפֿן פֿערד! אין בראַנד
קעמפֿן מיט דעם מענטשענס שאַנד!
— צום געבענטשטן לאַנד!

משה בראָדערזאָן / זאָלן אויפֿפּלאַצן

זאָלן אויפֿפּלאַצן די הימלקוואַלן!
און אַ רעגן און אַ מבול־שטראָם זאָל פֿאַלן
אויף דער ערד אַראָפּ
מיט אַ נייעם, מיט אַ שאַפֿונגס־גאָב!

אַלע שפּינעבעצן און נעצן פֿונעם האַס און טרויער
און די שימלען פֿון באַדויער,
זאָל דער הימל דער פֿאַרוואָלקנטער, דער גרויער,
מיט די מבול־וואַסערן פֿאַרלענדן
אינם כּח־הכּליע פֿון פֿאַרגעסנהייט און טויט!

און צונטער־רויט —
אין בלויטן פֿונעם יונגן הימל הייס,
אין אַנגסטן־שווייס,
אין שטורים־בייז —
וועט גלייך אַ נייע, יונגע וועלט געבוירן ווערן
מיט אויגן פֿרעהלעכע און זינגענדיקע שטערן!

און ס'װעט דער שופר של משיח הייט זיך לאָזן הערן
פון דונער אַרויס!
פון הויז צו הויז!
פון שטאָט צו שטאָט!
פון מענטש ביז גאָט!

און ס'װעט אין לויטערקייט זיך גאָט אַנטפּלעקט דערקלערן,
װען אָפן װעלן װערן נייע בלויע קװאַלן
און ס'װעט אַ נייער מבול זיין פון שטראַלן,
פון זון און פרייד — און מענטש און גאָט!

*

א. פרידקין / עס האָבן אונדז ווינטן

*

עס האָבן אונדז ווינטן די לייבער געגעסן,
מיט וועלפישן הונגער און ערדישע תהומען
געריזצט אונז די בלוטן.
ווער זיינען מיר? ! — כאַאָס אויף וועלטן פאַרגעסן,
און טראָגן זיך בלינדע אין פינצטערע שטראָמען,
און טרינקען די פינצטערע גלוטן.

גייען מיר שוואַרצע, מיט שוואַרצע געבעטן,
ווי שוואַרצע מכשפים, די שרפות צו צינדן,
און וואָגלען און זוכן אן אויסגאַנג.
ווער זיינען מיר? ! — סופן פון אַלטע פלאַנעטן,
פאַרשלאָסן אין שדישע נאַכט-לאַבירינטן,
פאַרלווירענער אייביקייטס-אויסקלאַנג!

גייען מיר שטומע מיט שטומען געוויטער:
עס ציט אונדז די בענקשאַפט צו פרובן די גבורה,

נעסמטע אין פינצטערע הײלן.

עס װעקט אונדזער טראָט אויף דעם אימה־געציטער,

עס פלאַמט שױן דורך נאַכט און אין שטורים די בשורה –

מיר גײען דעם װעג אוצט צו װײלן.

*

קאַדיע מאָלאָדאָווסקאַ / פֿון פֿינצטער

*

פֿון פֿינצטער, פֿון באַהעלטעניש
בין איך אַרויס —
און ברייט דער טראָט
פֿון קליינעם פֿוס,
און שטאַרק דער קלאַפּ
פֿון שמאָלן פֿויסט:
פֿון פֿינצטער, פֿון באַהעלטעניש
בין איך אַרויס —
און טרעט
מיט ברייטע טריט אין קאָפּ פֿון דור,
און כ'וואַש די הענט
און כ'וואַש,
און הייב דעם ערשטן מאָל
די אויגן צו דער זון,
און כ'צינד די ליכט
צום וועלטן יומטוב —
די ליכט, וואָס דורות־לאַנג

האָב איך געצוגדן פֿרום.
און בּ׳שפּאַן טריט פֿון שיין,
און פֿאַרב אין יומטובדיקע פֿאַרבן
די נצחון=פֿעדים,
װאָס איך װעב אױס
און װעב אַריין...

*

עזרא פֿיינבערג / תחלת

*

— „קום !
וועלטן פֿארשלאָפֿענע ברענגען מיר אום.
פֿראנקע און פֿרייע,
מיט פֿאקעלען רויטע, מיט טאנץ און מיט ברום,
וועלטן פֿארשטויביקטע ריבֿטן מיר אָפּ א לויה —
— קום !
ביסט אויך א בעל־מום ?
אויב דיך עקלט וואָביקער, שטוביקער, דיקער —
קום זשע, אָ, קום !
טרינק אָן זיך מיט רויטדול, ווער העל און ווער שכור,
און קום ערד און הימל צערייסן אויף שטיקער —
— קום" !...

*

ליפא רעזניק / און אויף גאַסן

*

און אויף גאַסן אַזוי איז באַפוילן:
געווען זיינען גאַסן פון שטיינער,
פאַרשטייפטע און דראָטענע ביוולען,
באַהיט פון די מאַרקישע היטער
מיט בלייענע פייפלען —
געווען זיינען גאַסן באַהיט און באַוואָרנט,
און איצטער: —
מיט רויטן, מיט רויטן
פאַרפלעקן די ציכטיקע גאָרנס, —
מע מעג, וואָס מע טאָר ניט!

אָנשטעבן גאָלדענע פונקען
אויף שפיזן,
און פינקלען
פון ווינקל צו ווינקל —
מע מעג, וואָס מע טאָר ניט!

אויף מאָטאָציקלעטן!
און שרויפן,
און שטעפן,

און שטעפן מיט רויכיקן נאָביאָג
די לויטערע שטאָטישע לענגען,
און לויפן —
מע קלינגט שוין פון טורימס
אויף הילכיקע נעכט
און אויף ליכטיקע שרפות.

*

ליפּא רעזניק / פון דער שׂרפה

*

פון דער שׂרפה
אינם אַלטן וואַלד
האָט דער האָרן
אויפן טורים אויפגעשאַלט,
אויפן טורים,
וואָס אין ברענענדיקן וואַלד.

שטייען אויפעט
ריטער פון סוף נאַכט
שוואַרצע ריטער,
וואָס אויף שאָלן האָבן שוין געוואַרט,
און געריסן
שוואַרצע פאָנען פון דער נאַכט.

אָנגענומען
פלאַמען פולע הענט,
פולע הויפנס
וואַלד, וואָס ברענט,

האָבן ריטער

מיט די שוואַרצע פאָנען אין די הענט.

זיבן מאָל

אַרומגעריטן עקן־וועלט,

שוואַרצע פאָנען

אויף די ווייטן הייכן אויפגעשטעלט —

שוואַרצע פאָנען —

אומעטום, אויף הייכן פון דער וועלט.

קאַלטער טרויער

אין פאַרטאָגעדיקן לאַנד.

יונגע ריטער

רייטן אָפּ אין גרויסן בראַנד,

און פאַרטראָגן

רויטע פלאַמען פון דעם טרויעריקן לאַנד.

*



דוד האָפשטיין / אין פייערדיקן דויער

*

אויף שטילער פריליגגדיקער הויל פון ווילדע ווייטן
אלץ טריפט און טריפט מיין אלט פארציטערט בלוט,
צום שווארצן הארצן טוליען נעכט
דעם ווײ פון טעג פארשוועכטע...
נאָר פלאקערן צעשפאלטן ווייכע נעפלשויסן
און גליען אויס אין פייערדיקן דויער
אלץ נייע צייכנס
פאר וויטערדיקן דראנג פון לאָקערדיקן צאָרן!
ביי רויטע טויערן פון לויטערע פרימאָרגנס
זיך שטעלט אויף וואך
דער שאל פון יאָגנדיקן האָרן,
און גריוועס זיינען גרייט צום ערשטן שווינד,
און טלאָען אייזערנע קוים ווארטן
אויף ערשטער ביים פון שוועבנדיקע וויטן,
אויף שטויס פון נייע שלאכטן...
מיט הארצן־ציטער הער איך זיי,
די טויזנט־אָטעמדיקע פריידגעשרייען,
מיט גליווערלייד דערשפיר איך זיי,

די שטומע צאַפּלדיקע ווייען...
און ווען די נאַכט
איז גרייט דעם זינקענדיקן טאָג
אין שטילער שווס פאַרהילן,
צו וויטן ציט מיין גליענדן געמיט
מיט שטריק פון ווילנס טויזנטער געבונדן,
נאָך רעדער מידע, שכורע פון שלאַכט,
געפאַנגען שפּאַן איך צווישן פעלדער־ברייטן...
איך בין מיט זיי, מיט שטענדיק גרייטע
צום נייעם שאַל פון מונטערדיקן האָרן,
צום נייעם פּלאַם פון לייטערדיקן צאָרן!...

*

דוד האָפשטיין / ווי שאַרף פון שווערד

*

ווי שאַרף פון שווערד
פאַרוואַרפט איר רוף
די שטומע ערד
און קריצט מיט פאָספאָרשיין
— די וואָלקן בלייען
א הייסער שלאַקסרעגן אויף לענדער גייט
און שיט מיט פעך און שוועבל,
און רינשטאָקן פון וועלט
— מיט פולע העלדזער שפייען
מיט בלוט, מיט גאַל, מיט וויין;
און יעדער שטיין, און יעדער שייט
שוין שוועבט אין דולן שוים...
און וואָס מיר איצטער
וואונק פון צייט,
און שווינד פון רוים
און שטערנשים אין פוסטע קעלטן?..
א פייערדיקער שלאַקסרעגן אויף ערדן גייט,
אויף אַלע מיינע וועלטן!

*

אשר שווארצמאַן / אין אויפשטאַנד

*

אין קאַלטער ווינטערנאַכט ביי שיין פון בליצנדיקע שטערן
אויף ווייטע געגנטן צעפלאַקערן זיך שׂרפות,
אין וועלדלעך טונקעלע,
אין האַלבע שוצגראָבנס,
ביי טונקלער זייט פון ברענענדיקע דערפער
זיך שלענגלען שורות מורדים
מיט ביקס אין האַנט, מיט וואַרים בלוט אין הארצן.

פון הייזער אָרימע, פון שטיקנדע וואַרשטאַטן,
פון לאַנגע וואָגל־נעכט, פון הונגעריקע טעג
געקומען זיינט איר, ברידער מיינע פילע,
צו וויזן
דעם פרייז פון שטילער מי,
דעם ווי פון אייער לייב,
דעם אויסגעשריי פון דורות און פון צייטן!
איך הער:
ס'ברומט אויף דער קייטנקלאַנג פון דורות־קנעכט
מיט אָרימען געביין צעשאָטענע אויף לעבנסמידע וועגן,
ס'זידט אויף דאָס בלוט פון מענגעס מיינע ברידער,

מיט האַנט צו האַנט און קאָפּ צו קאָפּ געשאָכטענע
אויף שלאַכטפעלדער פון קיילעכדיקער ערד.

איך ווייס:
ס'וועט צאַרטעס מענטשענלייב נאָך ציטערן
אין אַ געמיש פון קויט און בלוט,
און ניט קיין יום־טוב האָט באַלויכט
אין מיטן נאַכט די האָריזאָנטן,
נאָר עמיץ וויל דעם פיין
און עמיץ וויל דאָס בלוט.
מיין בליק ווערט קאַלט, ווי גרויער טאָג פון עקסקימאָסן,
אין שנייאיק ווילדן לאַנד...
מיט ביקס אין האַנט,
מיט וואַרים בלוט אין הארצן
פאַרטאַיע איך זיך איצט
און לאַקער נאָך דעם שונא.

*

אשר שוואַרצמאַן / אין טריבן מענטשן־לאַנד

*

אין טריבן מענטשן־לאַנד,
פאַר דעם, וואָס פאַלט שוין אונטער לאַסט פון פלאָגן,
וואָס קאָן איך זאָגן ?
פאַר דעם, וואָס קילט מיט אַש
דעם וויי פון זיינע ליידן,
וואָס קאָן איך ריידן ?
מיט איינעם קלייד אויף מיינע לענדן,
מיט קאָפּ אַנטבלויזט,
מיט בלוט,
וואָס אין מיין האַרצן ברויזט,
וועל איך צו וויסטעניש זיך ווענדן...

— — — — — — — —

די הייל וועט זיין מיין וואוינונג פון ביינאַכט,
און וווירבלווינט און מדבר־זאַמד מיין חבר פון בייטאָג...
און כ'וועל אין לאַנד
צוריק ניט קערן
ביז וואַנען
איך וועל דאָס אויסלייזוואָרט דאָס פּולע ניט דערהערן...

*

אשר שוואַרצמאַן / זעאונג

*

איצט, ליבסטע, קום!
דעם נביאס וואָרט האָט אויפגעהויבן זיי
פון גריבער און פון זומפן,
פון קברים אָרימע
אויף בארג און טאָל פון לענדער פיל
שטייט אויף אַ חויל גרויס מיט לויב און מיט געזאַנג —
און ווער מיט טרערן האָט געזייט דאָס פעלד פון טויט,
דער קערט מיט פרייד צום שניט צום נייעם...
זיי גייען בתּותוייס, ווי רייען פון מלאכים,
מיט זיי דער שטאָלצער גייסט,
וואָס רוט אויף שווייגנדיקע פאָלקן,
דער רויש פון באַטאַרייעס לויפנדע מיט זיי.
און דו, מיין בלוילעך=ווייסע כלה,
מיט מיר קום אויף
אַנטקעגן מיינע שטראַלנדיקע ברידער,

קום אויסלייזן דיין אָרים־טרויריק לייב
אין ים פֿון וויסן און פֿאַרגעסן,
אין לעבן, וואָס האָט טויט דורך טויט באַזיגט,
וואָס טראָגט זיין בליִענדיקן בעבער דורך,
דורך פֿייער און דורך בלוט, —
באַהעפֿטן וויל איך דייך
צום ליד, וואָס טוט שוין שאַלן,
ווי טויזנט וואַסערפֿאַלן,
וואָס הימלען טרייסלען אויף.

*

אשר שוואַרצמאַן / אין ליבלעכסטן

*

אין ליבלעכסטן פון מיינע שמייכלען,
אין פריינטלעכסטן פון מיינע בליקן
איז שטענדיק דאָ דער אומעט, ווי אַ גנב.

נאָר היינט איז ער מיט מיר
דורך אויפגעמאַכטער טיר
געקומען, ווי אַ גאַסט פאַרבעטן אויף אַ סעודה.

ער גייט פון קינד, וואָס איז פאַרטריבן,
ווען פאָטער איז מיט פרוי אין הייל פאַרבליבן.
אויף וועגן איינזאַמע דערמאָנט ער מיך אַצינד
און לעגט זיך אויף מיין האַרץ,
ווי טונקלער ווינטערטאָג אויף שווייגנדיקע פעלדער.

איך לאָז זיך שטיל אַראָפּ צום שטאם פון מיינע ליידן
און ווייס ניט, צי איז מיין לייד אויף וואָגשאָל פון די וועלטן...

איך זע, ווי ס'קוקן בלוי־געבונדענע קרבנות,
אויף וועלט און אויסוועלטן מיין צער הויבט אָן צו וואַקסן,

און אַלטער אומעט קומט, ווי ווינט פון האַלבער נאַכט,
צו זאָגן מיר:
אין טיפסטע ווייען בלייבסטו שטענדיק עלנט
מיט האַרץ און מיט געדאַנק אויף טאָפּלדיקע וועלטן,
און ווי אַ שטילע שאָף צו רוהען אויף בײַנאַכט
געגנענען וועט דער טויט און איינשלאָפן מיט דיר...

און שווער ווערט מיר פאַר נאָך ניט אויסגעלעבטע טעג,
וואָס שטייען אויף, ווי צייכנס אויף אַן אַלטן וועג,
און שווער ווערט מיר און ווי פאַר גאַנצער גרויסער וועלט,
וואָס פאַרן חלף האָט אַ תפלה אויף די ליפּן...
און כ׳נעם די זיילן אָן פון מיינער וועלט און גלויבן
און זאָג:
איך, מענטש, מיט קליינע טריט פאַרלוירן אויף די פעלדער,
איך, מענטש, מיט טרויעריקן לייב און ניט־געגלויבטן האַרצן —
וואָס נאָך וואַרט איך?

*

פּ ר ץ מ אַ ר ק י ש / צעבלוטיקט שלעפּ זיך

*

צעבֿלוטיקט שלעפּ זיך איבער גאַסן, גאָט,
אי אונטער גלעקערס פֿייערלעבֿן ווילדן וויאָקען
און אונטער שוואַרצע טענך פֿון פֿליגלשן גאַלגאָט...

אָ, צו אַ פֿליענדיקער ראָד דיין קערפּער וועט זיך צוויאָקען,
ווי צו דער ערד זיך צוויאָקעט פּאָקנדיק די שטאָט!

געבווירענער אין אַש, אין גרויער נאַכט פֿון מיסט,
אָ, אויפֿגעפֿליגלטער אין קייט פֿון קינדערישן וויגל,
— פֿאַררעטערש=אויסגעצויגענע אין לעסטערדיקער תּפֿלה,
ווי טענדלערס נאַכטישע, שוין ציילן קלויסטערס אָפּ פֿאַר דיר דאָס זילבער!

נאָר שטערן רויטע שפּריצן אָפּ פֿון דיינע אָפּקומענדע בריסט, —
און איך, — איך בייס אַרויס דעם צוויאָק דעם ערשטן פֿון דיין פֿליגל!...

— געגנען!
אויף ערשטן טראָפּן בלוט פֿון דיינע הענט
שוין דאָרשטן אויס זיך ליפּן פֿון באַגינען,
גלייך ווי אַ גאָלדן=שרפֿהדיקער לאָגל,

בײַ דײַנע טריט

פֿון קרוינען אויסגעשנײַט האָט זיך אַ בלענדענדיקער האָגל,

נ'בײַ דײַנע הענגענדיקע פֿיס,
ווי נײַנצן בלינדע מאַגדאַלינעס,
פֿאַרגעבונג בעטן נײַנצן דורות !...

אָ, שטומער אָפּקומענדער דרײַ־ריז !
אָ, פֿאַסטוך באָרוויסער פֿון בלײַעריקע שאָף !
אַרויף !

די בלוטיק־צוויאָקנדיקע הענט
און פֿאַסנדיקער שוואַרצער האַלבערינג
פֿון דײַן געליבטער הערשערין — מאַשין,
צו זון
צו מדברשער האָט זיך געווענדט
אויף זאַלבן
און אויף בליען,
— אַהין !... אַהין !

*

משה בראָדערזאָן / עס האָט די צייט אריינגעלאַכט

*

עס האָט די צייט אַריינגעלאַכט אין מײַנע אויגן,
אזוי דעם קאָפּ פאַרוואָרפנדיק, אזוי פאַרצויגן,
אזוי פאַרגייענדיק זיך שאַרף און ביטער,
אַז ס'איז מײַן אויג אַדורך אַ בליצן־ציטער;
און ווי אַ שפּליטער פון דעם הילכיקן געלעכטער,
האָט מיך אַדורכגעשטאָכן דער שגעון;
איך האָב דערהערט אין זיך אַ הינטיש חילדן וואָיען
אַלץ אומבּרחמנותדיקער, ווילדער, שלעכטער:
— „וואָס, — בין איך דען מײַן ברודערס היטער?"
און ס'איז אַראָפּגעפאַלן פון דער הויך אַ בליץ — אַ שטריק
צו וואַרגן ס'אויסבאַהאַלטענע, דאָס טויטע גליק...

*

איציק פּעפּער / בײַ באַרגישע טיפֿן

*

בײַ באַרגישע טיפן
מיר האָבן צעוואַלגערט זיך
צװײ הונדערט גופן
מיט דאָרשטיקע שווערדן
און פאָכנדע אויגן.
— — — — — —
ווער האָט אונדז פאַרבעטן,
ווער האָט אונדז אַהערצו געצויגן?
— — — — — — — —
מיר האָבן קיין צייט ניט צו פרעגן,
מיר דאַרפן ניט וויסן,
מיר האָבן ערשט נעכטן אַן אָנפלױ פאַרוואָסן
צעשאָסן,
צעריסן!..

*

אהרן קושניראָוו / מיין הונט איז פאַרוואונדעט

*

מיין הונט איז פאַרוואונדעט...
געמיינט, אַז איך וואַרף אַ שטיק ברויט...
און איך האָב צום פיינט אַ גראַנאַטע געוואָרפן.
געלאָפן דאָס באַפן...
מיט אימפעט געלאָפן ביז רוביקן אויפרייס
און אומגעקערט האָט זיך צוריק
אַ באַפלעקטער
מיט בליענדע צייכנס פון וויטאָק...

און לעגט איצט אַנידער צו פיס צו מיינע
דאָרשטיקן צונג...
און שטילע, און שטומע צוויי הינטישע אויגן —
אויגן, באַפייכטע מיט פראַגע, מיט טענה...

...איז וואָס זאָל איך טון מיט מיין הונט,
וואס פאַרשטייט ניט.

וואָס קאָן ניט באַגרייפֿן וואָס איז צווינגען אומזין,
וואָס ווייסט ניט
אויף וואָס און אויף וועמען זיך קלאָגן...

— אָ, נאַרעלע, נאַר, כ'האָב דיך דען געמיינט?...

*

אהרן קושניראָוו / כ׳וועל נישט אויפהענגען

*

כ׳וועל נישט אויפהענגען מיין האַרפע אויף בוימער —
פאַר אַלע ווינטן איר שפּיל...
איך פאַרמאָג שוין אפילו אין טרוים ניט
קיין לאַנד פון האָניק און מילך.

אין נשמה אַ מייזעלע שקראַבעט —
צי טאַטנס, צי זיידנס אַ נגון,
נאָר די טיר פון מיין אייגענעם שבת
האָט וואָך מיט אַ שטערן פאַררוגלט.

צעמאָלט מיך, צעמאָלט, ווי אַ קערנדל,
מילשטיינער פון אַלע צייטן,
אויב דורך דעם וועט ווערן נאָר
דער מאָרגנשטערן, ווי אַן עפל, צייטיק.

*

אויף

דוד האָפּשטיין / ווען ס'קריצן ציין

*

ווען ס'קריצן ציין צונויפגעפּרעסטע,
ווען ס'בליצן פונקען פון די אויגן,
ווער קאָן מיר עצהן מעסטן,
ווער קאָן מיך פרעגן:
האָסטו אָפּגעוואויגן ?
איך ווייס נאָר איינס,
און אָט דאָס איינס נאָר קאָן איך ציילן:
ס'איז הייס
דאָס הארץ,
עס טרייבט
נאָך בלוט,
עס גליט
פון ווי,
עס בליט
פון מוט,
און ווי און מוט איצט קאָן איך ניט צעטיילן!

אין הייזער־קרייז פאַרטריבן,

מיט דערנער שטאָלענע פֿאַרצאַמט,
וואָס איז מיר נאָך פֿאַרבליבן ?
עס פֿלאַמט און פֿלאַמט
מיין בלייך געזיכט
און טרערן שווערע
פֿאַרביטערן די קלאָרע ליכט
פֿון מיינע בענקענדיקע אויגן...
אין נידער פֿון פֿאַרנאַכטן,
אין שטייגן פֿון פֿרימאָרגן,
אין בלוטן העלישע
מיין אויסוועג איז פֿאַרבאָרגן !
ווען הייזער שטייען
אין פֿלאַם פֿון וויגעשרייען,
ווען קנוילן גרויל זיך קויקלען איבער גאַסן,
ווער קאָן מיר הייסן וואַרטן ?
ווער קאָן פֿאַרווערן האַסן ?...

*

דוד האָפּשטיין / אין פּרי

*

אויף ערשט פֿארהארטעוועטער ערד
אין פּרי אין פּראָסטיקן
צום ברונים שפּאנען...
און פּלוצים דרין דערשפּירן:
ס'איז גאָר נאָך ניט פֿארווערט!
פֿאראן נאָך מוט, פֿאראנען
אין וועלט אין אייזיק־ראָסטיקער,
און לאָזן לויפֿן זיך אין טאָג אין פֿרייען
און שפּירן:
א טאָג א שטאָלענער, א שפּאָגל־נייער,
א הארץ א יונגס,
און אייזערנער און אלטער עמער
זיך שפּילן אלע דרייען
מיט יונגע קלינגענדיקע טענער!...
מיט שטייפֿער האנט
דעם ערשטן אייז צעקלאפּן,

אַרויסרייסן אַ שטיקל טיף
און זען און הערן,
ווי טראָפּנס קלאָגן זיך און ווערן
און יאָגן זיך,
ווי שוואַרצער טריף,
אַהין, צוריק...
אין דעם איז אויך פאַראַן אַ שטיקל גליק!
און מיט אַ צענדלינק יאָרן שפּעטער,
אין טעג פון פּיין, פון צער און צאָרן,
אין סוף פון נאַכט פון שווערער ווערן פלוצים וואַך
און אויסציען די אָפּגעקילטע גלידער,
דעם שטומען צימער ניט דערקאָנען
און הערן, הערן לאַנג,
ווי ערגעץ דאָ ניט נאָהענט און ניט ווייט
פאַרהערן זיך קאַנאָנען, —
דורך טריבער שויב דערזען,
ווי ס'שפּראָצט אַ טאָג אַ נייער דאָרן...
און אין דער רגע זיך דערמאָנען
אין יענעם פראָסטיקן און קלינגענדיקן מאָרגן...
אין אָט דעם פּיין איז אויך נאָך גליק פאַרבאָרגן!
און יעדער אויפגעוואַכטער גליד נאָך זאָגט:
— איך וויל ניט שטאַרבן!
און מיט צעשפּרייטע פליגל קניט דער גייסט
פאַר שוועבנדיקער קייט פון צייט!

אָ, לאָזט מיך, רינגען, זיך פֿאַרקאַרבן !...
איך ווייס נאָך ניט וואָהין איר ציט,
איך ווייס נאָך ניט פֿון וואַנען !
נאָר ס'איז אַזוי פֿיל זיסע לייד פֿאַראַנען
אין אייער גרויסן ציען —
איך וויל מיין ווי נאָך ניט באַשרענקען ! —
איך וועל נאָך דענקען,
איך וועל אין רעש פֿון קראַכן שטיל זיך מיען,
איך וויל אין פּיין
נאָך גליען,
גליען...

*

דוד האָפּשטיין / פֿרעגסט מיך

*

פֿרעגסט מיך, שטילער ברודער,
ווער וועט צאָלן
פֿאַר די טאָלן ביינער,
פֿאַר די טייַבן בלוט ?
הער־זשע, ברודער !
אייביק, אייביק
שטרייטן וואָרצלען
אונטער דר'ערד,
אייביק, אייביק
פֿאָכען מענטשן
מיט דער שווערד...
אייביק, אייביק !
נאָר ס'האָט קיינמאָל
אזוי גלוּביק
ניט געהויבן זיך קיין האַנט !
ס'האָט נאָך קיינמאָל
אזוי זיבער
ניט געטראָגן זיך קיין וויבער
איבער מענטשן־ראַנד...

*

פרץ מאַרקיש / כ'וועל ביזן טויער

*

כ'וועל ביזן טויער...
כ'וועל ביז דער טיר...
— איך וועל ניט אויפוועקן די טיר...

אין יעדן שפּרענקעלע פון מיר,
ביי בלינדע פינגער אונטער נעגל,
טיף אין מיין אויסגעגראָבן האַרץ,
אין האַלבן טאָג פון מיינע אויגן,
אין שוואַרצער נאַכט פון זייער קוקן, —
מיט לאַנגער קייט
אויף דיין געלעגער,
ווי אַ געליבטע האַלדזסט מיך, טויט !..

אָ, גיי ניט נאָך מיר, גיי ניט, טויט !

מיך רופן ציגן, ווייסע ציגן,
זיך אומקערן כ'וועל צו דער צייט, —
צום ערשטן פאָכען פון דיין פליגל...

— וואָס איז פֿאַר קינד, פֿאַר קינד — אַ קייט ?...

פֿאַר קינד —

אַן אָפּגעצוימטער קרויז ?...

און לויף איך, לויף איך, לויף איך — ווייט

אריבערקוליקלען זיך דעם פלויט...

פֿון רעכטס — איז בלויז,

פֿון לינקס — איז ווינט,

פֿאָרויס איז פֿרייהייט !...

אָ, גיי ניט נאָך מיר, גיי ניט, טויט !...

מיך רופֿן ציגן, ווייסע ציגן,

— זיך אומקערן כ'וועל צו דער צייט, —

צום ערשטן פֿאָכען פֿון דיין פֿליגל !...

❀

אשר שוואַרצמאַן / מיין ברודערס ליפּן

*

מיין ברודערס ליפּן בלוילעך געל
און ציטערן... דעם לעצטן ציטער,
וועט עמיץ קושן זיי אַ חוץ זיין מוטער ?

מיין ברודערס האַנט פאַרגליווערט ווערט
און וויל די ערד אומאַרמען,
וועט אפשר עמיצער זי אויף זיין ברוסט דערוואַרמען ?...

מיין ברודערס פוס איז אָפּגעדעקט,
פאַרבלוטיקט און אין קויט,
און שטיל קוקט איר זיך איבער: טויט ?...

אָ, ניין !
פון אַלץ, וואָס אייך באַטריבט,
ז׳מיין ברודער ריין !

אַ זון־באַשיינטער ריז האָט ער זיך אויפֿגעשטעלט
מיט אויסגעשפּרייטער האַנט אויף גאָרער וועלט...
אַ גרויס בלוי שווייגן איז אַצינד זיין היכל
און ס'איז זיין זונענבליק פֿאַר אַלעס מוחל, מוחל...

*

אשר שוואַרצמאַן / איך זע, ווי ס'קוקן

*

איך זע, ווי ס'קוקן בלוי געבונדענע קרבנות,
אויף וועלט און אויסוועלטן מיין צער הויבט אָן צו וואַקסן
און אַלטער אומעט קומט, ווי ווינט פון אַלטער נאַכט,
צו זאָגן מיר:
אין פוסטע ווייען בלייבסטו שטענדיק עלנט
מיט האַרץ און מיט געדאַנק אויף טאָפּלדיקע וועלטן,
און, ווי אַ שטילע שאָף, צו רוען אויף ביינאַכטן
געגנענען וועט דער טויט און איינשלאָפן מיט דיר...

און שווער ווערט מיר פאַר נאָך ניט אויסגעלעבטע טעג,
וואָס שטייען אויף, ווי ציילנס אויף אַן אַלטן וועג.
און שווער ווערט מיר און ווי פאַר גאַנצער גרויסער וועלט,
וואָס פאַרן חלף האָט אַ תפלה אויף די ליפּן...

און כ'נעם די זיילן אָן פון מיינער וועלט און גלויבן
און זאָג:
איך — מענטש מיט קליינע טריט, פאַרלוירן אויף די פעלדער,
איך—מענטש מיט טרויעריקן לייב און ניטבאַגלויבטן האַרצן,
וואָס נאָך וואַרט איך ?

*

לייב קוויטקאָ / אויסגעוואָרימט האָט מיין לאַנד

*

אויסגעוואָרימט האָט מיין לאַנד
מיט מי, מיט פּיין פון לאַנגע דורות,
דאָס קינד, דאָס העלע קינד!

כ'וועל מיטן הייסן לייב
און אָדערדיקער ברוסט
דאָס פּיצל קינד פאַרדעקן —
ביז געוויטער קומט פון שוואַרצע עקן
צום ראַנד פון קדושה־ראָד,
וואו ס'ליכטיק קינד מיט פרייע אויגן שטייט —
און שרעקט און וויל דאָס איבערשרעקן...

— קומט, מיט אויסגעשטרעקטע הענט,
מיט אָדערדיקער ברוסט, מיט אויפגערירטע הערצער,
קומט, דאָס קינד באַשיצן! —

גיהנום גייט מיט דונערן און בליצן
אויף פידל־קינד און אויף זיין מאָרגן.
— קומט — מיר, האַלבע וועלט —
דאָס קינד באַשיצן
און באַזאָרגן...

האַלבע וועלט ציטערדיקע מאַמעס,
האַלבע וועלט אויסגעדאַרטע טאַטעס...

קוקט דאָס ליאַליק קינד פון דויערנעפל,
פונם אייביק ליידן, אייביק שווייגן,
קוקט דאָס ליאַליק קינד מיט בלאָנדן קעפל...
ס'וואַקסט אויף רגע און אויף ווייַלע,
ס'טראָגט אין האַרץ דעם גרויסן מאָרגן —
ס'פּיצל !

קומט דאָס טאַטעשים באָזאָרגן,
קומט דאָס מאַמעשים באַשיצן !...

*

לייב קוויטקאָ / כ'האָב אַ יונג, אַ בליענד לעבן

*

כ'האָב אַ יונג, אַ בליענד לעבן,
ציטער איך אַזוי פאַר דעם!
איך פאַרגלויב עס נישט דער נאַכט,
איך פאַרגלויב עס נישט דעם טאָג,
נישט מיין אייגענעם טראָט.
אָך —
אונטער די פאַרביסענע פענצטער
בליען ביימער,
קליינע, שוואַכע גראָזן!...
ס'אַ שרעק! —
שטייען אַלע אָפּגעדעקט
פאַר דער אָפענער גאַס!...
ס'אַ וואונדער! —
טרויען טאָג און טרויען נאַכט

און קוקן איבער דעם משוגנה וואַר
צום גאָלדנעם צאַנק
פֿון זייער געלן ענד...

כ'האָב אַ יונג, אַ בליענד לעבן,
ציטער איך אַזוי פֿאַר דעם...

*

לייב קוויטקא / ביז טויב צו ווערן

*

ביז טויב צו ווערן
כ'האָב פאַרבריוועט מיין געהער,
ביז בלינד צו ווערן
האָב פאַרשפיצט מיין ראיה. —
מיט קראַנקער אָנגעשפיצטקייט
אָפּגעמאָסטן יעדן שאָרך,
אָפּגעוואויגן יעדן פּיפּס,
און זיי אָפּגעגעבן גאַנץ
צו מיין וואונדיק־ווי געמיט,
צו מיין ברענענדיקן לייב —
אויף באַהאַלטן זיי.
אַלע הודען זיי אין מיר:
אַלע שאָרכן, אַלע שאָטנס
מערן, פּרוכפּערן אין מיר.
טיף פאַרשטיקט אין בלוט און נאַל
לעבעדיקע אַלע.
ווער־זשע וויל ?

וועלכן שאָרך ?
וועלכן קלאַפּ ? —
דעם, וואָס קוויטשעט ווילד אַרוים פון די באַלעגנטע בעטן ?
דעם ?
אַלץ צו צווייט. —
אַלץ פון מיינע שונאים — טעג און נעכט —
דאָ לעבט אין מיר.

*

לייב קוויטקא / ווילט זיך ניט קלאָגן

*

ווילט זיך ניט קלאָגן, קלאָגט זיך דאָס האַרץ,
קלאָגט זיך מײַן יונגער בליהענדער טרוים:
זײַן וועט מײַן קינד, מײַן פרייִדיקער בליט, —
אַ טרויעריק קינד, אַן אומעט געמיט.
זײַן וועט מײַן קינד אַ שרעקיקער צווײַג,
מיט פּחד באַהויכט,
מיט אָוונט באַגרויט.

בעט איך דיך, טאָג,
בעט איך דיך, נאַכט,
פעלט אוים מײַן שוועל מיט אײַער געקלאָג,
מיט אײַער געקלאָג.

לאָזט מיר מײַן ווײַל.
איך וועב זי אַליין —

אַ מענטעלע צאַרט
פאַר ווײלכל, מײַן קינד.

בעט איך דיך, װינט,
אײך, אוינגן פון װינט,
רחמים איך בעט:
נײט אײך פאַרבײַ,
שלײכט אײך פאַרבײַ!

*

לייב קוויטקא / אַלעי אַלע זיינט איר מײַנע

*

אַלע, אַלע זיינט איר מיינע
די פאַרפייניקטע,
און די מיט בלאָנזענדיקע אויגן.
אין מיין נשמה שאָטנט אייער שאָטן,
אין מיין בלוטיק לייב
בלוטיקט, ענבערט אייער וויי.

וואָס קאָן איך טון פאַר אייך ?
ס׳ווערט צעקלאַפּט מיין יונגער קאָפּ
אויף אייער שוועל,
אויף אייער וויסטן מזל.

*

לייב קוויטקאָ / עשו

•

עשו,
באַוואַקסענער, געבענטשט מיט שמעקעדיקן פעלד!
דיר קומט פון מיר אַ גרייזער חוב,
ער ליגט פאַרזונקען אין מיין טיף,
באַגראָבן אין מיינע פאַרשאָטענע אוצרות...

עשו,
שטיל הינטער דיינע פּלייצעס,
שטיל האָב איך געזויגן די ריחות פון דיין מזל,
דאָס קרעפטיקע געטראַנק
פון דיר, עשו, שמעקעדיק פעלד.

עשו,
האָריקער, מיט בלינדן טאַטנס ברכה
אויף וואַלדן־קאָפּ,
אויף מילדן בלאָנדן...

עשו,
מאָן מיך ניט אַצינד... מאָן מיך ניט אַצינד...
טראַפּוויים דיינס איז איינגעזונקען

אין מיין גרייזן אומעט,
מראָפּחיים — אויסגעהוילט
מיט אַלע מיינע טויזנטער נשמות
אויף אַש פון געננ,
אויף אַש פון זיין...

עשו,
אויף ברייטן, ברייטן פיינען-פלאַך פון שימל-אוראַלט
איז אויסגעשפינט,
אויסגעשטיקט,
אויסגעשטריקט
מיין אוראַלט הארץ,
מיין גרייזער טרוים,
מיין טונקל-גלאַנציק קוקן...
זוך דאָרט, זוך...

עשו,
קער זיך אָפּ פון מיר צו דיינע שעפּסעלעך, —
צו דיינע שמעקעדיקע קהאָלן,
לעג אַרויף דיין האַנט אויף זיי,
דיין האָריק אַלטע האַנט...

*

אהרן קושניראָוו / שטאַרב, מיין געשריי

*

א מתנה האָפּשטייגען

שטאַרב, שטאַרב מיין געשריי, װעסט ממילא
אין הימלען נישט װערן דערהערט...
נאַכט האָט פֿאַרמאַכט דעם מולד,
װי אַ מעסער איבער האַלדז פֿון דער ערד.

באַלד װעט שטילקייט זיך אָנהױבן װאַרגן
מיט הינטישן צערייצטן ביל...
אָבער נאַכט װעט נישט אױפֿהערן הרגענען,
אָבער קיינער װעט נישט קומען צו הילף.

איז פֿאַר װעמען, פֿאַר װעמען איצט פֿאַלט מען
בעטן רחמים פֿאַר זיך און פֿאַר אייך,
װען דערשראָקענע שטערן באַהאַלטן זיך
אין די שטאָלענע קניימשן פֿון טייך.

*

אהרן קושניראָוו / איז באַלאַגערט מיך, נעכט

איז באַלאַגערט מיך, נעכט,
פֿון פֿאָרנט, פֿון זייט און פֿון נאַקן,
און ווינטן, פֿון לינקס און אויף רעכטס,
ווי דעם אומרו ביים זייגער מיך וואַקלט.

איך ווייס, אַז מיין לעצטער געשריי,
וואָס רייסט זיך צו פֿינצטערע הימלען,
ווי אין וואַסער אַ פֿאַרוואָרפֿענער שטיין,
וועט אין חושך מיט קאָפּ זיך פֿאַרבלינען.
— — — — — — — — — —
נאָר איך וועל ניט פֿאַרלעשן מיין ליכט,
מיין טויער פֿאַר אייך ניט צעפּראַלן!

קאַדיע מאָלאָדאָווסקאַ / אויפֿן בית־עולם

*

בערגלעך, בערגלעך שטילע, צוגעטופּעטע...
כ׳לעג מיין טראָט אַרויף,
נישט ווילנדיק
קלאַפּ איך צו
נאָך מער...
שלאָפֿט איר דאָרטן, באָבעס אויפֿגעהויקערטע ?
רעדט איר עפּעס, זיידעס גרויע ?
ווי ליגט אויס אַ מענטש אַ טויטער,
ליגט און שווייגט,
און זאָגט ניט
גאָרניט ?...
איך וועל קומען !
אָט וועט הוליען דער בית־עולם !
כ׳קאָן נישט רוען,
ליגן, שווייגן, הענט — פֿאַרשלאָפֿן, פֿיס — פֿאַרגליווערט,
ווער האָט אייך געהייסן, טויטע,
זיך נישט רירן ?
איך וועל קומען,

װעל א ריר טון דעם בית=עולם,
װעל א לויף טון
און דעם קברן איבערקערן,
אויסלאכן די בני=לויה,
און מיט מײנע פיס
די גרוב פארשיטן און פארטאנצן —
און צוריק צו גראָז און שנייען,
און צוריק צו װינט און פלאקער!

ליפא רעזניק / און איך האָב באַפוילן

*

און איך האָב באַפוילן
מײַן רויטן לאַמטערן
אויף פעלדישע אָנשנײען.
אין זײַן עלנדן אָפּשײַן
אויף שנײאיקע װײסן
װעט צאַפּלען אַ מאָרגן,
זיך קאָרטשען
אין מערבדיקע װײען
און איך װעל אים נאָכגײן
אין לאַנד פון פאַרלאָשענע פײַערן.
ערגעץ רויבערן זיך טליענדיקע הײַנטן
און קוקן אַרויסעט
אויף העלע פאַרטאָגן...

און מײַן רויטער לאָמטערן --
אַ פֿונק אַ פֿאַרגעסענער
אין אײביקן הפֿקר
פֿון װײסן אַלײן.
פֿאַרװײט זײנען אױסװעגן
אינם לאַנד
פֿון פֿאַרלאָשענע פֿײערן...

*



אהרן קושניראָוו / ראָסייא

*

ד. בערגעלסאָנען

אָ, בלויע, אויפגעפלאַמטע נעגנט,
מיט שאַרף פון טרוים אויף וועלט פאַרשטרעקט
אויף גרויען קנויל פון דיינע וועגן
האָב איך געוויקלט מיינע טעג.

און ווער וועט יענעם ווי צעוויען
און וואָס קאָן שטילן מיין געפיל
פאַר ווילדן זאָד פון דיינע שנייען,
וואָס האָט מיין מזרח-בלוט געקילט.

אויף העלן רוף פון דיינע פאָנען
האָב איך מיט לייב און האַרץ געוואַגט,
נאָר האָסט געצלמט מיין עקשנות
מיט צאַרטע פינגער פון אַ האַק...

און ניט, אַז אויפגאַנג זאָל באַקרוינען
דיין הימלזוים, האָב איך געלעכצט,

ווען ס'האָט מיין ניט־באַשיצטע וואוינונג
געפלעקט מיט שרפות דיינע נעכט.

נאָר האַרץ איז וואַך צו ברויז פון הימנען,
נאָר יעדער וואָרט מיט ליוב צעבליט
פאַר מילדן קלאַנג פון דיינע הימלען,
וואָס טריפט אין שטרענגקייט פון מיין ליד.

*

אהרן קושניראָוו / פון ווייסן אויפגאַנג־לאַנד

*

פון ווייסן אויפגאַנג־לאַנד ביז גרינע מערב־געגנטן,
וואו ס׳גליווערט נאָך דיין רוף אין רוימען ניט דערוועקטע,
אָ, וויפיל גאָטספאָרכטיקע וועגן
צלמען די ברייט פון דיינע שטרעקעם !

אַלע, אַלע וועגן ציען זיך אַזעלכע לאַנגע
און אַ בענקשאַפט שטייט ניט אָפּ פון זיי קיין טראָט ניט,
גרויע בענקענדיקע קינדער דיינע זיינען דאָרט געגאַנגען
און זיי האָבן זייער מידן קלאַנג צעשאָטן. . .

ניט דערוואַרט און ניט דערהערט פון דיינע שטורים־פערד דאָס טאָפּען,
ניט דערפילט אין פרייד, אַז מער שוין גאָרניט ווילט זיך ניט. . .
דו האָסט אין פעלד זיי אַלע אויסגעלעגט אויף אָפּרו
און זיי געשטעלט צוקאָפּנס צלמים הילצערנע.

גנבים־ווינטן נישטערן איבער פעלדער

אין שטילער טיף פון קאָרנס און פון ווייצן...
נאָר גרויע ווינטמיל וואַכט באַוואַכט זיי פונס בערגל,
ווי אַ סאָלדאַט מיט ביקס אויף פּלייצע.

*

אהרן קושניראָוו / ווער וועט אונז דערציילן

*

דוד האָפּשטיינען

ווער וועט אונז דערציילן, ווער וועט אונז באַוואוסטיקן
פון געשייענעם און פון געוועזענעם...
הוי, ראָסייאַ, קוויטיקע און מיסטיקע,
ס'האָבן ניט פאַרשאַרט דיך
וועלטס פאַרשטויבטע בעזעמער.

ניט פאַרשאַרט דיך, נאָר די האַרטע ריטעלעך
אויסגעריבן און צעזייט אויף דיר בייזוויליגדיק...
הוי, געדיכט צעזייט און אויפגעגאַנגען שיטערליך –
נישט דיך בייגעקומען, נישט פאַרטיליקט דיך.

*

אהרן קושניראָוו / ליגט מיין ערד

*

ליגט מיין ערד א דאָרשטיקע און הייסע
מיט פאַרשמאַכטע, לעכצנדיקע ליפּן —
בלויער פרילינג האָט אויף איר ניט אויסגעטרייסלט
די געבענטשטע רעגנספולע זיפּן.

ניט געשאָלט אויף איר האָט זומער העלער
מיט צעבליצטן דונערדיקן האָרן...
אַך, אומזיסט, אומזיסט איצט גאַרן פעלדער
נאָך א זאַטן ליד פון רייפן קאָרן.

נישט קיין זאַטן, נאָר א הונגעריקן נגון
צו שפּאַרונעס — אויערן פון פליטן...
און עס גליווערן ביי ווינטמילן די פליגל —
הענט פאַרבראָכענע אין וויטאָק...

*

פרץ מאַרקיש / דו, אויסגעהאָניקטע

•

דו, אויסגעהאָניקטע אויף טורימשפּיץ
פון סדום,
מיט לייב מיט נאַקעטן, געפּאַסעוועט פון שמיץ !

אין תהום
פון הונגעריקע בינען, —
אויך איך אַ בין
מיט גיפט אין מויל, האָב אין דיין לייב געראָנען...

דיין אויסגעלאָזטער קנעכט,
דיין מערדערישער אונטערטאַן — צופוסנס, —
אין רויטע וואַנזיניקע נעכט
מיט מדבר־תאוה, — האָב איך אויך דיין לייב געביסן...

און שטייער —
גלייך ווי אַ שפּין
צו דיינע פייערן — האָב איך געטראָגן פייער...
און האָסטו זיך אַ העלע שרפהדיקע ליד,
גלייך ווי אַ פייעריקער באַרג צעבליט
מיט אייביק־שבורע, מיט זינגענדיקע שנייען...

איצט לאָז דאָס האַרץ
פֿון װאַנדערדיקן זינגער,
— דאָס ביסעלע געבראַכטס
צו פֿונקען אויסגעשלאָגענע פֿון שטאָל און שטיין
מיט דאַרע שטראַלנדיקע פֿינגער, —

זאָל אויך אַ פֿלאַקער זײַן
פֿאַר װעג פֿון װעלט...

פּרץ מאַרקיש / הויקערדיק – דײַן גרינער ברויט

*

הויקערדיק – דיין גרינער ברויט,
גלייך ווי הרוגים אָנגעוואַלגערטע מיט גרינע קאָלדערעס פאַרדעקט.
און פון דיין דאַרנדיקער הויט
מיט אָפּקומעניש שמעקט...

ערגעץ ביים שלייף פון אַשיק־גרויער טאָרבע־טאָג
זיך בלוטיקט פון דיין גוטן פאַסטוך נאָך דאָס שקיעהדיקע מויל,
נאָר דיין געלאַטעטע לייב – פאַרצערעוועט מיט קלאָג, –
און רויטער האָניק טראָפּנט אויף דיין שווייגנדיקער הויל...

*

פּרץ מאַרקיש / נאָך יאַטערט זיך

*

נאָך יאַטערט זיך דיין אויסגעבראָטן לייב,
נאָך שלעפּן שאָטנס זיך אויף שיילן דיך און שינדן !
און לויערט נאָך אויף דיר אַ וואָלפישער פּאַרטרייב
פון הארבסטיק־אָפּגעקראַכענע פון פוילע ווינטן !

שוין שנייען־שעפּסעלעך פאַר דיר נאָך ווייסער וואָל גיין,
און ערגעץ שוין אַ פּראַכט אַ מלבושדיקער זויגט
דעם דרעמלדיקן דניעפּ און די בורלאַצקע וואָלגע
און זיפּט אַ ווייסן זאַלב פון אַלע דיינע טייכן...

און ביי דיין יעדן סטויפּטשיקל — אַ האָפענונג צו מיר זיך נויגט,
גלייך ווי אַ דערפּעלע אין וועג — אויף דיינע דעמערישע גלייכן...

*

פרץ מאַרקיש / ווי קויטיקע לייַלעכער

*

ווי קויטיקע לייַלעכער, ליגט איר פֿאַררוּיִבערט,
אָ, רוסישע שנייען,
פֿון צוגעשע שוואַרצע ציגיינערשע אָטעמס,
פֿון בלייענע הויבן,
פֿון הימלשן גראָ=זיין,
אָ, רוסישע שנייען,
מיט לעמפּלעך צוקאָפּנס פֿון סטויפּישע רייען...

ווערט האָט אויף אייך, בענקענדע שנייען, געטראָגן?
ווער האָט אייך פֿאַרלאָזן?...

ס'וועט דורכגיין אַ שנעלווינט מיט שערן
און שטעבערס,
צעבייסן די דראָטן
פֿון וואַקסענדע הויך טעלעגראַפֿישע סטויפּעס;

פֿון נאַכטן־לאַמטערנעס
צעשטעלן
די אויגן,
נ'ווי מיידלשע ברוסטן זיי סמאָקען, זיי זויגן,
און טויבע
זיי רייסן און וויגן און טרייסטן,—
ס'זאָל קיינער אייך, שנייען, ניט קומען און טרייסטן !...

*

פרץ מארקיש / מיר, בעטלער

*

...מיר, בעטלער, באַרוויסן, פאַרשטעלטן...
מיט קאַלעכאָוויוונס העלישע פון מדבר-אויגן, —
אין היצן און אין קעלטן
ביי דיינע פענצטערלעך — א שוועל געבויגן...
— מיר, וואַלגערשטיין,

געשיין
איז זיין
דיין
תקיעהדיקער אויפרייס !...

— אָ, תקיעהדיק-צעריסן הארץ,
אָ, שרפה-נאַכט פון שופרות
און פון טויט !
— א ברעקל ברויט !
— א ברעקל א פאַרדארטס !...

*

פרץ מארקיש / מיט אש אויף אויפגאַנגס

*

מיט אַש אויף אויפגאַנגס — קלאָגן רעדער, רוסלאַנד, הערסטו?
שוין מיען וואָגנס זיך באַמיסטיקן די פעלדער:
— כ'האָב זיך פּאָרטרויט דיינע ניט־אויסגעציילטע ווערסטן...
זיין מויל אויף טוי — אַ לאָגל גאָלד — כ'האָב אונטערשטעלט דיר!...

פון פערד פון פאָלגענדע די טלאָ וועט דיר ניט וויי טון,
נ'קיין ענפער וואַרטן ניט די רעדער ניט־געשמירטע..
— כ'וועל שוין ניט אויסמיידן אין ערגעץ דיינע ברייטן...
נאָר דיינע מאָלצייטן פאַרבייגיין וועט דיין דיכטער!...

*

פּ ר ץ מ אַ ר ק י ש / אין קרוינשטאָט

*

אין קרוינשטאָט בּרענען אַלע מויערן!
עס לויפן בּלאָנדזשלינגען אַרום גאַס איין גאַס אויס,
בּאַשפּיגענע מיט העלער שרפהדיקער שיין...
נאָר צוגעשלאָסן זיינען אַלע טויערן!
קיין אָנגעצונדענער וועט ניט אַרויס,
קיין דורכגייער וועט ניט אַריין!...

אין קרוינשטאָט ווייסע ווענט זיך וואַלגערן,
ווי שבורע אין שטיינעריקן שוים
פון פלעצער אָפּגעוואַשענע מיט ווייַן!
מיט רויך און פייער דעבער שוואַנגערן!
קיין אָנגעצונדענער וועט ניט אַרויס,
קיין דורכגייער וועט ניט אַריין!...

אין קרוינשטאָט גלעקער אַלע גלעקערן!
טרומייטן=רוף איז שוידערלעך און גרויס:
— וועלט=איינס! וועלט=צוויי! וועלט=דריי!...
אומזיסט! מיט ברענענדיקע הענט אין וועג אַריין!
קיין אָנגעצונדעגער וועט ניט אַרויס,
קיין דורכגייער וועט ניט אַריין!

היינט איז געווען אן אויפרוף זיין, און ענטפערן!
היינט איז געווען א זינגענדיקער „אות"
אין שורה שטערן וואנדיק צו זיין...
איך ווייס: איך וועל פארברענט ווערן!
קיין אנגעצונדענער וועט נים ארויס,
קיין דורכגייער וועט נים אריין!...

*

פּרץ מאַרקיש / כ'וועל קיינעם ניט פֿרעגן

*

כ'וועל קיינעם ניט פֿרעגן
דעם אויסוועג פֿון ראָגן,
פֿון דיינע צעבראָכענע ראַנדן
אויף וועגן...
כ'וועל קיינעם ניט פֿרעגן,
כ'וועל קיינעם ניט זאָגן
דעם אויסוועג אויף וויטן
פֿון דיין, פֿון צעבלוטיקט געזוניקטן שאַנד־אָרט —
כ'וועל קיינעם ניט זאָגן !...

וואָס גייט עס מיר אָן דען,
ווער ס'האָט זיך פֿאַרפּלאָנטערט
און וועמען פֿאַרפּלאָנטערט די האָסט אין פֿאַרבייגיין ?...
— אַ הירש אַ פֿאַרשייטער
מיט הערנער, ווי צווייגן,
זיך פּלאָנטערט די וועלט דאָ
אין נעצן צעשטעלטע,

מיט טאָרבע פֿון ברויטן
ביים בראַנדיקן קלעם־מויל...
און פֿרעגט זיך ביי קרעמעל
אויף טויערן רויטע!...

אָ, שאַרבנס פֿון דורות!
— אויף קלויסטערשע שפּיצן
אין הייבן
זיך עצהט,
איר, זוניקע קרייצן,
מיט מעשענע גאָרגלען פֿון צדקה
אויף וועגן...

וואָס קאָנט איר מיר זאָגן?
וואָס קאָן איך אייך פֿרעגן?

איך עפֿן דיין שער־בלאַט
אויף זאמן פֿון גרויע פֿון שטיינערנע מאַרבן
אויף וואַכן,
אויף פֿלאַכן,
אויף טרוימען
פֿון רוימען, —
— שוין זון אין דער האַנט האַלט אַ גאָלדענעם זאַנגל
און טייט מיר אויף פֿערזן פֿון שטאַנגען,
פֿון קרוינען...

אזוי כ'װעל דיך איינגיין,
אזוי כ'װעל דיך לייענען...

דיין יעדער געביידע—אַן אות פֿון יעװאַנגל...

און טייט מיר דער בלוטיק=געזוניקטער זאַנגל
אויף בלוטיקע אותיות,
פֿון פֿערזן אַרויס זיך געשאָטענע אותיות,
און טייט אויף פּראָצעסיעס פֿון הייזער, פֿון הייכן,
װאָס צאַפּלען מיט קעפּ, װי מיט ליין פֿון איקאָנעס !...
איך װייס עס,
איך קאָן עס,
מיט שטומע, מיט קאַלטע אומענדלעכע װענט פֿיר...
– נאָר קיינעם קיין צייכן,
נאָר קיינעם קיין ענטפֿער !...

װאָס גייט עס מיר אָן דען,
װער ס'האָט דיך פֿאַרפּלאָנטערט
און װעמען פֿאַרפּלאָנטערסט דו האָסט אין פֿאַרבייגיין ?
— אַ הירש אַ פֿאַרשייטער
מיט הערנער, װי צװייגן,
זיך פּלאָנטערט די װעלט דאָ
אין נעצן צעשטעלטע,
מיט טאָרבע פֿון ברויטן
ביים בראַנדיקן קלעם=מויל...

און פרעגט זיך ביי קרעטעל

אויף טויערן רויטע...

פון הענגן

אויף ראָגן...

— כ'חעל קיינעם ניט פרעגן,

כ'חעל קיינעם ניט זאָגן !...

*

דוד האָפשטיין / ניט גראָז פֿון וויסטעניש

*

ניט גראָז פֿון וויסטעניש, אָ, ניין!
נאָר שטראַלן פֿון באַגינען
צעשפּראָצן זיך פֿון יעדן שטיין
אויף דיינע ליבטיקע רואינען,
אָ, מאָסקווע־שטאָט! דער שענסטער טרוים
פֿון אַלטע בלינד־פֿאַרליבטע זין פֿון דיינע
איצט ווערט באַוואָרט!
אָ, מאָסקווע־שטאָט! אָ, דריטער רוים!
די יינגסטע שפּיל פֿון מינדסטן ייִנגל דיינעם
מיט גרייזן גרוי פֿון אַלטע לוחות מיינע
איצט ווערט באַוואָרט!
דער ערד,
וואָס האָט מיין טראָט מיט דרייסט באַשווערט,
דער ערד, וואָס דו, אָ, הארץ, פֿאַר איר זיך קלאַפּסט,
דער ברייטער ערד,
פֿון ים צו ים:
פֿון ווייטן שטורים־ראַנד,

9*

וואו ס'ליגט אין אלטער קלאָרהייט
די הויב: די זילבערנע פֿון בארג: אררט,
ביז ווייסן גליווער=ים,
וואו ס'שוועבן אייזפֿעלדער אין קאַלטן שלאָף,
אין גלאַנץ פֿון צפֿון=שיין —
דער ערד
מיין נייע פֿרייד,
מיין נייע פיין !
איר ווייבע בלאַט
האָט איינגעזאפט
מיין זאַט
פֿון בלוט
און האָט אין טעג
פֿון גרויסן שניט
מיט מוט
אים אומגעקערט,
און האָט מיין טראָט באשווערט
אויף נייעם זיין —
דער ערד
מיין פֿרייד,
מיין פיין

*

דוד האָפשטיין / איך ווייס, אז אלץ

*

איך ווייס, אז אלץ דאָ גייט פון טיפן,
איך ווייס, אז אלץ פון ברייטן גייט,
נאָר כ'האָב אים ליב דעם טורימשפיץ פון שטאָל געשליפן,
כ'האָב ליב די פאָן, וואָס ווייזט דעם ווינט א וועג און ווייט!

און גרינג איז מיר מיין רויטע לייד דאָ טראָגן,
און גרינג איז גארן נאָך נאָך נייעם גליק,
ווען איך דערזע, ווי מחנות טוט פאַריאָגן
דיין הייסער שווערדן־שארפער בליק.

ער איז פון בליק פון דיינעם שוין פארשוואונדן
דער ביטערער, דער אלטער טרערן־קוואַל
און ס'ברענען העל אין דיינע אויגן־רונדן
צווי גרינע טראָפנס גאל...

און שענקען בלוט און מארך פאר העלע פאָנען
בין איך פון לאנג געוועהנט —
איך גלויב שוין לאנג, אז שטעלן זיך אין וועלטן־קאָנען
לוינט!...

*

נחום אויסלענדער / אין ריזנלאַנד

*

אין לאַנד, וואו פעלזיק שטייען ווילן,
האָט זיך מיין היינט אין מיר פאַרשטיינט...
וואו דונער־שפּרוכן איבער שטרעקעס איילן —
האָט זיך מיין וועג באַלוינט...

ביים ראַנד פון וועלט דערזען געשייענס בליטן —
אַ, מענטשן־דאָרשט נאָך פורפור־רויט!..
ביים ראַנד פון זיין דערזען אַ נייעם מיטן —
און זיך צעלאַכט פון טויט!..

און דונער־שפּרוכן אַזוי ווייט זיך איילן...
און פורפור־רויט אַזוי ווייט שיינט...
אין ריזנלאַנד, וואו פעלזיק שטייען ווילן,
איז, ווי אַ פעלז, מיין היינט !...

*

דוד האָפּשטיין / אוקראַינע

*

Якову Савченко

אין קראַנקן מח,
ווי הייסער פעך,
זיך שיטן נעמען
פון שטעט פאַרשוווּנדענע,
בלוטיק נאָענטע
און בלוטיק פרעמדע...
פאַסטאָוו!
וואַסילקאָוו!
און נאָך,
און נאָך...

כ'האָב אָנגעטאָן
צוויי קעננאיבערדיקע פענסטער
פון וואַנאָן
אויף מיינע דאָרשטיקע
שוין פיבערדיקע בליקן...
אָן מי,

אָן רו,
אָן שבת און אָן זונטאָג
גייט די וואָך...

איך וואַנדער ווידער
איבער אייער הויל,
צעוויקלטע צעלאָזטע פעלדער
פון אוקראַינע,
איך שרייב מיט רויך
פון שוין צעשרויפטן
לאָקאָמאָטיוו
אַן אייליקע אַ ציטעריקע בריוו
דער העלער הימלדיקער הייך,
מיט היימן גלייכגילט
קוקט זי צו,
ווי עס שווינדלען
אַאַזימן פון מיינע חורבות
אויף ברייטן פלאַך פון פעלדער,
שטיל פאַרגאָסענע
מיט בענקשאַפט,
רייך באַפּייכטע
מיט מיין בלוט...

די אָפּגעוויסענע
צעדאַרטע ווענט

פון גרויען אומרויִנעם וואַגאָן
זיי ציטערן
אינאייִנעם מיט די זייטלעך
פון מיין אויפגעוואַכטן האַרץ,
און אונטער וואַקלענדיקע פּלייצעס
שטייט יונג געבויגן,
מיט וואַרימקייט אין קינדעריש־ריינע אויגן,
די אַלטע, אַלטע טענה:

„וואָס וואוינט אַריבער
אַ טראָפּן בלוט
פון קינדערשן אומשולדיק־שענעם ווען?"...

אַ טאָג, אַ טאָג אַ גאַנצן וואַרטן
אויף דריי פאַרשעמטע קלינג!..

איך קאָן זי שוין פון לאַנג
די אומעטיקע ליידיקגייערשאַפט
פון דיינע וויסטיקע וואָקזאַלן,
טריט באַנדיטישע
און לידער שכּורע
אויף דיינע ווימלענדיקע מאַרקן...

איך קאָן זי שוין פון לאַנג
די ברוסט
פון דיינע מענגען,

וואָס אונטער סוויטע רויטלעכער
(ווי אַלט פאַרזשאַווערט אייזן)
איז שטענדיג גרייט
זיך שטאָפּן מיט פאַרדראָס,
איז שטענדיק גרייט
די ווילדע הענט צעהוידען,
זיי וואַרפן אויף א קאָפּ:
„שלאָג!
קלאָפּ!"...

איך פיל מיט ליבע נאָך:
עס האָט קיין שויב דאָ ניט געפּלאַצט
אין בערג-טורימס אין דיינע,
וואָס קוקן
לויטער נאָך
אויף די געוויסערן פון דניעפּר...

אויף סטעפּעס דיינע
מיט טויזנט טאַצן הייסע טאַנצט די זון
און בלענדעט
און הויבט ביי פוסגייער די פיס
און וואַרפט ביי וואַנדערער די הענט.

איך ווייס דאָס אויך:
ביסט דורות לאַנג

גערוען אַ מקלט-פּלאַץ
פאַר אויסוואָרפן
פון גרויסן גרויען לאַנד...
אויף אַלע, אַלע שטרעקעס דיינע
שאָטנט זיך דיין שאַנד,
אוקראַינע!

*

פרץ מאַרקיש / פון שטרויענע דעכלעך

*

פון שטרויענע דעכלעך צו שנייאיקער טאַיגע
און אַלץ מיט די איינזאַמע נאָטן
מיט דיינע,
ביינאַכט פון אוקראַינע !..

פון שטרויענע דעכלעך צו שנייאיקער טאַיגע,
אַ גאַנצן ביינאַכט אויפן דאַך און אויף שטיינער
און אַלץ מיט געווירעטע נאָטן
מיט דיינע,
ביינאַכט פון אוקראַינע ! —

אויף ווייסע גענייען
מיט זוימען באַזיימטע,
מיט פליענדע דראָטן
— אויף שטעט און אויף שטריטן
און שניי איז אויף שנייען,
און ווייט איז אויף ווייטן,

און טײלן זיך װינטן מיט בראַנדיקע צינגער,
און לעקן די װײסע פֿאַרװײהעטע נאָרעס,
און טויב סעמאַפֿאָר איז,
און הויכן — צעלײטערט,
און שװאַרץ װערט דער שנײ דאָרט,
װאו ס׳הענגט זיך אַ תּפֿלה...

און דערפֿעלעך שלאָפֿן
פֿאַרװײהטע,
פֿאַרשנײטע,
און טוליען צו ערד זיך
פֿון שטאָטן אַנטלאָפֿן...

— אָ, פֿײער פֿון מעשענע מענטשישע הערצער, —
צו קײנעם איר װעט אין בײנאַכט ניט דערגײען!...

פֿון אײן סעמאַפֿאָר צו דעם צװײטן
זיך בעטן
דורך דערפֿער פֿאַרטאַיעט
אויף זוימען בײ בײטן,
און אײנער אַלײן איבער שטילקײטן װאַך זײן
אויף קרעציקן שטײגן
מיט רעדער מיט שװאַרצע, —
פֿון שטרויענע דערפֿלעך צו שנײאיקער טאַיגע...

און װינקט סעמאַפֿאָר ניט פֿון תּליה אויף במאַרע —

דער לאַנגער דער דאַרער
מיט אויגל מיט איינעם —
א טאָג ניט געשלאָפֿנס, —
און הויבט ניט קיין ברעם אויף
און לאָזט ניט קיין צפֿון... —
א פֿייער אינאיינעם אויף שנייען צעלעגן!

א תּפֿלה
א דולע
צו קעלט
און צו שנייען
פֿון לעמפּ אין די אויגן,
פֿון שמאָל אין די פֿינגער,
אויף שניי־שטילן פֿעלד...
וועל איך אזוי לאַנג גיין
מיט נאַכט און מיט שווייגן,
ביז כ'וועל דיך דערלאַנגען,
ביז כ'וועל דיך דערשטייגן
מיט איינזאַם געווירעטע נאָטן
מיט דיינע,
בייַנאַכט פֿון אוקראַינע!...

*

קאַדיע מאָלאָדאָווסקאַ / אַ, גרויסע לאַנד

אַ, גרויסע לאַנד,
מיט בערגלעך וואַטע אויף די הימל־פעלדער!
ביי דיר אין פלאַכן שויס
פון ברוינעם זאַמד
האָב איך געריסן קינדערייס
ביים הייטיש פלויטל
די דאַרע קריגעלעך
פון דאָרן,
און אויף אַ דינעם פאָדים
קרענצעלעך גענייזשעט
פון ווילדע אַרבעסלעך,

וואָס וואַקסן חושכדיק
ביי דר'ערד...
אָ, גרויע לאַנד!
מיט טעמפע קלאַנגען פון די טונקעלע ערלים
ביי דיר אויף האַרטן פעלד
לעם גריבלדיקע וועגן
האָב איך די לופט געזאַפט,
געזופט און זיך געהויבן,
אָט ווי אַ וואַסער-בלאָט,
וואָס ציט זיך, ציט זיך, ציט זיך
ביז אַרויף
אַרויס פון זומפּיק מוטערשויס,
אַרויס
צו העלער וועלט,
צו נאַקעטער זון,
צום ווייטן בלויז...
האָבן נאָך מיר זיך היימיש וויקעלעך געצויגן:
די פּיסלעך פון אַ האָז,
וואָס בלאָנזעט צווישן קאָרן,
די צווייגעלעך פון אַן אַלטער בוים,
פון אַן עקרה,
די סטעשקע
אויף די פלאַכע גוישע פעלדער,
דער מורמלענדיקער דראָט,

וואָס ציט זיך
מיט דער וועלט אויף.
אָ, גרויע לאַנד !
ווען ס'האָט מיך הייס געפּאַרבט
די דרום־זון
אין חנעוודיקע פאַרבן
און ווען מיין האַלדז איז ברוין געווען,
ווי ליטע־ערד,
האָב איך געהערט דעם בליפּענדיקן ווינט,
וואָס וויגט זיך אויף אַ שפּיץ
פון דיינע ווערבעס.
אָ, גרויע לאַנד,
אין קרומען פּירעק,
צווישן צוויי הכנעהדיקע דערפלעך,
ווען נידעריק ביי דר'ערד
פלעגט דורכשנירלען די באַן
איר האַרטן רעדער־קול,
פלעג איך מיט ציטער וואַרטן,
וואָס קומט אָן פון אַ דאָרט,
וואָס גייט אין אַ אַהין...
און ערשט,
ווען ס'זיינען האַרט שוין מיינע ביינער
און יעדער לאַנד

האָב איך אַ פֿרילינג שוין פֿאַרקויפֿט,
צום ברויִנעם פֿלאַך
אין נידעריקן שויִם
גיי איך צוריק
אַראָפּטרייסלען דעם שטויב
פֿון מײַנע קליידער...

ביא-ביבליאגראפיע

נ. אויסלענדער

געב. 1893 — כאָדאָרקאָוו, קיעווער גוב.

לידער — „קיעווער פארלאג" — 1917. האלבער טאָג — סמאָלענסק — 1921. פראָגנט — „מלוכה־פארלאג" — פ. „קולטור־ליגע" — קיעוו — 1921.

מ. בראָדערזאָן

געב. 1890 — אין מאָסקווע.

טוי — טאנקעס — פ. „לעבן" — מאָסקווע —1919. פערל אויפן ברוק — פ. „יונג־יידיש" — לאָדז — 1920. איבערגאנג — פ. „לאזאר קאהאן" — לאָדז — 1921. שווארץ שבת — פ. „יונג־יידיש" — לאָדז — 1921. באגייסטערונג — פ. „יידיש" — ווארשע — 1921. אל׳דאָס גוטס — פ. „קולטור־ליגע" — ווארשע — 1922.

ד. האָפשטיין

געב. 1890 — קאָראָסטישעוו, קיעווער גוב.

ביי וועגן — „קיעווער פארלאג" — 1919. רויטע בליטן — „קיעווער פארלאג" — 1920. זונען־שלייפן — „מלוכה־פארלאג" — „קולטור־ליגע" — קיעוו — 1921. גינען־געוועב — „מלוכה־פארלאג" — „קולטורליגע" — קיעוו — 1921. טרויער — פ. „קולטורליגע" — קיעוו —1922. אין טאָוול פון וועגט — פ. „פונקען" — בערלין — 1923.

ק. מאלאדאווסקא

געב. 1893 — קארטוז־בערעזע, גראָדנער גוב.

פ. מארקיש

נעב. 1895 — פּאָלאָנע, וואָלינער גוב.

שוועלן — „פאָלקס-פארלאג“ — קיעוו —1919. פוסט און פּאַם — פ. „וויסנשאפט“ — קאַטערינאָסלאַוו — 1919. שטיפעריש — פ. „נאַטור און מענטש“ — קאַטערינאָסלאַוו — 1918 — פ. „צ.י.ש.א.“ — ווילנע — 1921. אינמיטן וועג — פ. „מאַיאַק“ — קאַטערינאָסלאַוו — 1919. סתּם — פ. „וויסנשאַפט“ — פ. „קולטור-ליגע“ — קאַטערינאָסלאַוו — 1919 — פ. "קולטור-ליגע“ — וואַרשע — 1921. די קופּע — פ. „קולטור-ליגע“ — וואַרשע — 1921 — קיעוו — 1922. ראַדיאָ — פ. „אַמבאַסאַדאָר“ — וואַרשע — 1922. נאַכט-רויב — קליינע ביבליאָטעק „לירוק“ — מאָסקווע — 1922.

ע. פינינבערג

נעב. 1899 — אומאַן, קיעווער גוב.

א. פעפער

שפענער — „ווידערוואוקס“ — ליטעראַטן-פאַרלאַג „לירוק“ — קיעוו — 1922.

ל. קוויטקא

טריט — „קיעווער פאַרלאַג“ — 1919. לידעלאַך — „קיעווער פאַרלאַג“ — 1917. לידעלאַך פאַר קינדער — „פאָלקס-פאַרלאַג“ — קיעוו — 1920. גרין גראָז — יידישער ליטעראַרישער פאַרלאַג — בער-לין — 1923. 1919 — יידישער ליטעראַרישער פאַרלאַג — בערלין — 1923

מ. קולבאַק

שירים — פ. „פאַראיין פון יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין ווילנע“ — 1920. נייע לידער — פאַרלאַג „קולטור-ליגע“ — וואַרשע — 1922. לידער — „כלל-פאַרלאַג“ — בערלין — 1922.

א. קושניראָוו

ווענט – „מלוכה־פאַרלאַג" – פ. „קולטורליגע" – קיעוו – 1921.

ל. רעזניק

נעב. 1890 – מאַקאַראָוו, קיעווער גוב.

אין בלייבע אויפגאַנגען – „מלוכה־פאַרלאַג" – פ. „קולטורליגע" – קיעוו – 1921. סאַמעט – פ. „קולטורליגע" – קיעוו – 1922.

א. שוואַרצמאַן

נעב. 1890 – קאָראָסטישעוו, קיעווער גוב.

געפאַלן 1919 – ביי קאָראָסטען, וואָלינער גוב.

פון גאָלדענע ווייטן – „מלוכה־פאַרלאַג" – פ. „קולטורליגע" – קיעוו – 1921.

אינהאלט

אינהאַלט לויט די אַוטאָרן

נחום אויסלענדער

אין ריזנלאַנד 134

משה בראָדערזאָן

בראַנד און פייער 46
זאָלן אויפפלאַצן 48
ס'האָט מיט דונערן 45
עס האָט די צייט 73

דוד האָפשטיין

א שפּאַן טון 27
אין פרי 83
אוקראַינע 135
אין פייערדיקן דויער 61
איך וויים 133
דורך שוימענדיקע רוקנס 25
דערזע איך אויף ווייטע 23
ווי שאַרף פון שווערד 63
ווען ס'קריצן ציין 81
מיר שטאַמען פון פעלזן 21
ניט גראָז פון וויסטעניש 131
פּראָצעסיע 19
פרעגסט מיך 86
צווישן וואַלגערשטיינער 26

קאַדיע מאָלאָדאָווסקאַ

אָ, גרויע לאַנד 143
אויפן בית־עולם 105
פון פינצטער 52

פּרץ מאַרקיש

אויף וועלן 33
אין קרוינשטאָט 125
גלעקער 34
דו, אויסגעהאָניקטע 117
הויקערדיק – דיין ברויט 119
ווי קויטיקע לײלעכער 121
כ'וועל ביזן טויער 87
כ'וועל קיינעם ניט פרעגן 127
מיט אַש אויף אויפגאַנגס 124
מיר, בעטלער 123
נאָך יאַטערט זיך 120
פון שטרויענע דעכלעך 140
צעבלוטיקט שלעפּ זיך 71

עזרא פינינבערג

תחלת 54

איציק פעפער

ביי באַרגישע טיפן 74

א. פרידקין

עם האָבן אונז ווינטן 50

ליב קוויטקאָ

אין דער הייליקער מסיבה 40
אויסגעוואַרימט האָט מיין לאַנ 92
אַלע, אַלע זיינט איר מיינע 100
ביז טויב צו ווערן 96
ווילט זיך ניט קלאָגן 98
זייטלעך פון „איסוים" 37
כ'האָב אַ יינג 94
עשו 101

משה קולבאַק

חצות 42

אהרן קושניראָוו

באַלאַנגערט מיך, נעבעך 104
ווענט 29
ווער וועט אונדז דערציילן 115
כ'וועל נישט אויפהענגען 77

ליגט מיין ערד 116
מיין הונט 75
עקראַן 31
פון ווייטן אויפגאַנג-לאַנד 113
ראָסייאַ 111
שטאַרב מיין געשריי 103

ליפא רעזניק

און אויף גאַסן 55
און איך האָב באַפוילן 107
פון דער שרפה 57

אשר שוואַרצמאַן

אין אויפשטאַנד 64
איך זע, ווי ס'קוקן 91
אין טריבן מענטשן-לאַנד 66
אין ליבלעכסטן פון שמייכלען 69
זעאונג 67
מיין ברודערס ליפן 89

אינהאַלט לויטן סדר

פֿאָרוואָרט 5

אין וועלטן־קאָנען

פּראָצעסיע / האָפּשטיין 19
מיר שטאַמען פֿון פֿעלזן „ 21
דערזע איך אויף ווייטע 23
דורך שוימענדיקע רוקנס „ 25
צווישן וואַלגערשטיינער „ 26
אַ שפּאַן טון מיט נייעם „ 27
ווענט / קושניראָוו 29
עקראַן „ 31
אויף וועלן / מאַרקיש 33
גלעקער „ 34
פֿון „אוסיים" / קוויטקאָ 37
אין דער הייליגער מסיבה „ 40
חצות / קולבאַק 42
מיט דונערן / בראָדערזאָן 45
בראַנד און פֿייער „ 46
זאָלן אויפֿפּלאַצן „ 48
עס האָבן אונז ווינטן / פֿרידקין 50
פֿון פֿינצטער / מאָלאָדאָווסקאַ 52
תחלת / פֿיניבערג 54
און אויף גאַסן / רעזניק 55
פֿון דער שׂרפֿה „ 57

אין פֿייערדיקן דויער

אין פֿייערדיגן דויער / האָפּשטיין 61
ווי שאַרף פֿון שווערד „ 63
אין אויפֿשטאַנד / שוואַרצמאַן 64
אין טריבן מענטשן־לאַנד „ 66
דעאונג „ 67
אין ליבלעבסטן „ 69
צעבלוטיקט / מאַרקיש 71
עס האָט די צייט / בראָדערזאָן 73
ביי באַרגישע טיפֿן / פּעפּער 74
מיין הונט / קושניראָוו 75
כ'וועל נישט אויפֿהענגען „ 77

וויי און מוט

ווען ס'קריצן ציין / האָפּשטיין 81
אין פֿרי 83
פֿרעגסט מיך „ 86
כ'וועל בּיזן טויער / מאַרקיש 87
מיין ברודערס / שוואַרצמאַן 89
איך זע, ווי סקוקן „ 91
אויסגעוואַרימט / קוויטקאָ 92
כ'האָב אַ יונג „ 94
ביז טויב צו ווערן „ 96
ווילט זיך ניט קלאָגן „ 98
אַלע, אַלע זיינט איר מיינע „ 100

עשו קוויטקא 101
שטאַרב, מיין / קושניראָוו 103
באַלאַנגערט מיך / „ 104
אויפן בית־עלם / מאָלאָדאָווסקא 105
און איך האָב / רעזניק 107

ר ו ס ל אַ נ ד

ראָסיִיאַ / קושניראָוו 111
פון ווייסן אויפגאַנג־לאַנד „ 113
ווער וועט אונדז דערציילן „ 115
ליגט מיין ערד „ 116
דו, אויסגעהאָניקטע/ מאַרקיש 117
הויקערדיק—דיין ברויט „ 119
נאָך יאַטערט זיך / מאַרקיש 120
ווי קוויטיקע ליילעכער „ 121
מיר, בעטלער „ 123
מיט אַש אויף אויפגאַנגם „ 124
אין קרוינשטאָט „ 125
כ׳וועל קיינעם ניט פרעגן „ 127
ניט גראָז / האָפשטיין 131
איך ווייס, אַז אַלץ „ 133
אין ריזנלאַנד / אויסלענדער 134
אוקראַינע / האָפשטיין 135
פון שטרויענע / מאַרקיש 140
אָ, גרויע לאַנד / מאָלאָדאָווסקאַ 143
ביאָ־ביבליאָגראַפיע 147

פאַרלאַגס-מאַרקע געצייכנט פון
ישכר-בער ריבאַק * אַרויס-
געגעבן אין צוויי טויזנט עקז.